ישראל און פאר דער גאנצער וועלט — צי וואלט מדינת־ישראל אן דער יידישער ליטעראטור, פּרעסע, לעבעדיקן ווארט אנטשטאנען? און אינם מאמעדיקן פון אונזער לשון וועט זי ווייטער וואקסן און זשוואווע זיך אנטוויקלען.

„פונעם שטעטל" ארויס, „ארום וואקזאל" ווייטער מיטנעמענדיק „די פּוילישע וועלדער" איז „רבי עקיבא" געקומען אל הנחלה ואל המנוחה.

מיטן בלויזן „בדמיך חיי"—בדמיך תרתי משמע . . .—אליין, אן דער מאמעס ציטער איבער דער וויג, וואלטן מיר הען אויפגעוואקסן?

מיט גאלדפאדענען פרוגן, יהואשן איז די „בת־ציון" געווען אין יעדער יידישער שטוב, און מיט ראזענפעלדן, רייזינען, האפשטיינען, ראנגלען זיך יידישע פּאעטן מיט גאולת־ישראל און מיט דער גאולה פונם מין מענטש בכל מקום שהם.

מאמע יידיש האט אונז געגעבן כוחות אויסצוהאלטן אין גלות און ווארעם איינגעוויגט אונזער בענקעניש צו אונזער היים אין ארץ־ישראל. מיט א מאמע־לשון ווערט א פאטער־לאנד הארציקער און די עליה ווערט זיך מערן און יורדים ווייניקער ווערן — די „אלט־נייע" היים וועט יידיש־לעך־היימישער" ווערן! מאמעדיק־הארציקער — אמן, כן יהא רצון.

יידישער וועלט־קאנגרעס (יידישער קאמיטעט) און פאריין
פון יידישע זשורנאליסטן

---

## תמוז־יארצייטן
## הערצל - ביאליק - זשאבאטינסקי

אין

21, DEAN STREET, LONDON, W.1

**זונטיק, דעם 8־טן אויגוסט, 1976, פונקט 3 א זייגער**

רעדנער:

1) ח. נ. ביאליק ............ ש. גאלדשמידט

2) טעאדאר הערצל נחום סנה

3) וולאדימיר זשאבאטינסקי ח. מיכעלזאן

הרב ל. נ. בוים (אזכרה)

פארזיצער: יוסף פרענקעל

---

איינטריט פריי קומט אין צייט

# לשון און לעבן

**חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור**

450־52 37'סטער יארגאנג אויג.־אקט. 1976 לאנדאן

אינהאלט

עיר־דוד, די ווארשעווער הייזער א.א. ............ *** 3
איבער שהריה'ס בוך „ווארט איין ווארט אויס". פּראפעסאר סאל ליפּצין 14
די נאכט אין כנען (ליד) ............ יעקב צבי שארגל 15
דוד לין (פּאעמע) ............ אברהם פנחס צוקערט 17
פון משפחה בוך (פּראזע) ............ פייזול זיגלבוים 18
מיט קומען פון טאג (א מעשה) ............ ש. י. עגנון 19
מיין שטעטעלע, פאר מיין ברודער (לידער) ............ עלא זילבערג 27
בראש השנה יכתבון (ליד) ............ הערי פּאצאנאווסקי 28
די באדייטונג פון ראש־השנה, די פיר שותפים. ............ יוסף וויינשטיין 29
די ערשטע נאכט אין ווייטשעפּל, ט' טפחים טיף א. נ. שטענצל ............ 33
דיין יחזקאל אבראמסקי זצ"ל ............ ש. 42
מאיר גערטנער ז"ל ............ שמואל גאלדשמידט 43
מילי טשיזיק ע"ה ............ הארי אריעל 44
נישטא קיין שטארבן (ליד) ............ מלך ראוויטש 44
יידן משיח קומט (א חלום) ............ מ. מארגנשטערן 45
צו אייזיק גאלדבערגס געבורטסטאג (ליד) ............ עלא זילבערג 48
מיין ווייבל (ליד) ............ אייזיק גאלדבערג 49
איבער יעקב י. מייטליס בוך „אין גאנג פון דורות" (רעצענזיע)
............ י. מ. לעווין 50
א סעמינאר פאר יידיש־פארשונג. ............ א באריכט־ערשטאטער 51
א שטעקעלע אריין א שטעקעלע ארויס ............ ש. 52
דעקלאראציע פון וועלט־קאנפערענץ פאר יידיש ............ 55
שאכער מאכער, (ליד) ............ ראדזשער האריס 57
גאט אין זיין דערבארמונג, מוזיק מאיר באגדאנסקי שעקסט א.נ.ש. 58
לאנדאנער קולטור ידיעות ............ 59
ווילנע (האלץ־שניט) ............ ראיא קרוק 60

רעדאגירט א. נ. שטענצל
פרייז 15 פענס
יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס 3 אזייגער באומאנטס גראוו, א.1.

*Published and edited by A. N. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

די רעדאקציע „לשון און לעבן” ווינשט אירע מיטארבעטער, לייענער און כל ישראל א כתיבה וחתימה טובה.

° ° °

די ברידער נאראדיצקי בר כוכבא און כרמל פון פערלאג „נאראד פרעס” ווינטשן קרובים און פריינט א כוח״ט.

° ° °

נ. רובין און פאמיליע ווינשן זייער כש־פחה און פריינט פון יידיש לשון שוי־שפילער און באזינדער מארק מארקאוו און עטא טאפעל, אין סאדערן ראדישיא, א כוח״ט.

° ° °

מאטל און עטטי מארגנשטערן ווינטשן דער משפחה און אלע פריינט א גוט און געזונט יאר, א יאר פון שלום.

° ° °

א גוט געזונט נײ־יאר: ווונטשן מיר אונזער טאכטער, העלא, איידעם, דזשא, אייניקל, זשעקעלין מיט איר מאן איאן. אור־אייניקלעך, ראסעל, און סאעי. משפחהס פריינט פון מדינת ישראל און כלל. אויך אלע פריינט פון „פריינט פון יידיש לשון” די „ליטערארישע שבת נאכמיטאגס”. סזאל זיין א יאר פון שלום!

אייזיק און צביה גאלדבערג.

° ° °

עלא זילבערג — שנה טובה ומאושרת, א געזינטן פריילעכן יאר פאר מיין ליבן ברודער, זיינע פרוי און קינדער, און פאר אלע פריינט פון אידישן פאלק און לשון.

° ° °

ישראל און בעטטע שפעטמאן ווינטשן דעם כלל ישראל א שנה טובה.

° ° °

טעמועל, 97 ניוראד „סעקענט קלאטה שאפ” ווינטש אלע זיינע פריינט א גוט יאר.

° ° °

מרים לעווי און פאמיליע ווינשט אלע פריינט אלעס בעסטע צום נייעם יאר.

° ° °

דוד גרייוועד ווינטשט משפחה און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

° ° °

נחום שטענצל און פרוי און א. נ. שטענצל וינטשן קרובים און פריינט א כוח״ט

° ° °

גדליה און מלכה ליכטענשטיין וינטשן שוועסטער און ברידער, קינדער און אײ־ניקלעך, פריינט און גאנצע משפחה כוח״ט.

° ° °

שמואל מאקאטאוו ווינשט אלע חברים און פריינט א שנה טובה.

° ° °

סידי שעני, טורנער סטר. 10, א.1. ווינשט איר ברודער, און פאמיליע, און אלע פריינד א גוט און גליקלעך יאר.

° ° °

חיים האלדשטוק ווינשט א כתיבה וחתימה טובה זיין משפחה און פריינט.

° ° °

ישראל שטיגליץ ווינטש א גוט געזונט יאר זיין משפחה, פריינט, דא און מעבר לים. א סך גוטע ברכות צום נייעם יאר.

° ° °

לשנה טובה צו מיין טאכטער און איידים גילי און בנימין סלאנט, צו מיינע אייניק־לעך, בישראל צו מיין ברודער זשוליאן גראס און פרוי און קינדער, מיין משפחה ראז און וויקטאר און פריינט. גוסטא גייפמאן.

° ° °

שלום און פאולא יאקובאוויטש ווינטשט זיין משפחה און אלע פריינט א גוט געזונט יאר. א יאר פון שלום.

° ° °

דוד בערמאן 207 לאוער קלעפטאן רויד, א.5, ווינטשט זיינע גוטע פריינט און באַ־קאנטע א כתיבה וחתימה טובה.

° ° °

וואלף קאפאוו און משפחה ווינטשן אלע זייערע קרובים און פריינט א כוחשט.

° ° °

איך סעם גאלדבערג ווינש אלע אונזערע פריינט א גוט געזונט מזלדיק יאר.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

450־52 37׳סטער יארגאנג אויג.־אקט. 1976 לאנדאן

דריי מאל ווי דער דין עולה־רגל געווען,
י־רו־ש־לים זוכה געווען צו זען.

און איבער אויף מיינע אלטע יארן אצינד,
נישט אויסהאלטן מער — — איז אויך נישט ווי און ווינד.

צו ווערן הייליקע ערד ישראל ערד —
הכּם דאך מיינע ארבע אמות זיין באשערט,

„עפר־הארץ” זיין אונטער יידישע טריט!
איז וואסזשע שוין אז חלילה גאט באהיט?

נעם איך מיך צוזאם מיט מיין לעצט ביסל כוח — —
קאן זיין נישט־העכערס נאך ווי דא אין דער הויך?

אל־על 21׳סטן 8׳טן 1976

## ע י ר - ד ו ד

„בעבור דוד עבדך,
אל תשב פני משיחך”

א צעבלעטערט תהילימל,
די שטאט ירושלים,
יעטווידער טריט קושט די ערד;
בליק געהויבן צום הימל,
פון לויטער בענקשאפט פארטרערט.

מיט יעדן גאנג העכער,
מלאכים־געזאנג דוכט זיך,
הויך איבערן קאפ מען הערט — —
מ׳נידערט טיף אין זיך אראפ,
ס׳הארץ ווי עניוותדיק ווערט —

אויבן דער שטאלצטער קעניג,
קניט ווי א קנעכט ווייל געטון,*
וואס געוועזן סאיז פארווערט,
אין גאולה־שליח גאר ווערט,
דער טויט־מלאך מיט דער שווערט —

פארטריבן מיר געוואָרן,
פון פאטערס טיש א קינד,
אונזער וועלט איבערגעקערט —
טראט צו טראט, פון טאג צו טאג,
די פלאגעניש זיך מערט.

„אשרי האיש", ווייל דעם מענטש!
מיט דיין תהילימל, דוד,
געוועזן באשערט צער־פארצערט,
צוריק צו זיין פאטער־לאנד,
אונזער פאלק דאך צוריקקערט.

און אפשר טאקע דערפאר,
גארע ערד ארומרינגלען,
געוועזן אונז סאיז באשערט —
און „פזאלם" ווי אויסגעהאלטן
דער מענטש ווען ס׳הארץ צער־באשווערט?

„אשרי האיש"! ווייל דעם מענטש,
אז וואס קאן ער נעבעך טון,
ווען הארץ צאפלט ס׳באגערט?
שעפטשעט ער שטיל א פזאלם־פערז,
און דער טיפסטער צער אויפהערט.

און דיין תהילימל, דוד,
צי וואלט דען א גאט געווען,
אויף אונזער פינסטערע ערד?
און אויער וואס דעם מענטשן
אין ביטערסטער נויט דערהערט?

---

* שמואל ב. קאפיטל כ״ד



„אשרי האיש" — ווייל דעם מענטש,
עפנט מען נאר אויף ס׳תהילימל,
און מענטש מענטש, א ברידער ווערט
און גאט, דער טאטע־פאטער,
איבער גאנצער גארער ערד.

## אזא גאולה-געזאנג

„על נהרות בבל שם ישבנו" — —
און ביי וועלכע טייכן נישט געזעסן?
די יסורים וואס אויסגעליטן!
די באכן טרערן וואס פארגאסן,
וועלכעס יידיש הארץ קאנס פארגעסן?

ווען זיך שוין נישט געקענט איינהאלטן,
פון חלום ארויס זיך צעזונגען —
טרויעריק געזאנג אין דער נאכט!
קיין הארפן — — מיט הארץ געקלאפ באגלייט:
אז אזוינס ס׳איז אונז דאך געלונגען.

אויפן וועג אין אייגענעם לאנד איצט,
פון די ווערבעס אונזערע הארפן,
מיר נעמען אראפ אצינד צוריק;
געזאנג וואס רייס זיך פון הארצן,
באגלייטן מען וועט דאך באדארפן.

וואסער וואונדערלעכע מעלאדיעס,
איבער גארער וועלט זיך דערהערן!
ביי וואסערע טייכן נישט געוויינט?
גאנצע ימים איבער גארער ערד —
געזיד מיט יידיש בלוט און טרערן.

ריטם איצט פון אונזער גאנג־געזאנג,
ס׳וועלן וועלעכלעך ליכטיק טריפן —
ווי ווייגען ס׳קאן א פידל פון פרייד!
טוט נישט א הארץ פול צער צופייקן,
וואקלדיקסטן שריט נאך בגלופין?

## „אין דער סאכא ליגט מזל ברכה“

וויאזוי צוריק אהיימגעפונען?
איף די וועגן וו מ׳האט אונז געטריבן,
בלוט שפיר פון אונזער טראט עגבליבן.

און איף די זעלבע וועגן און שליאכן,
ב׳גלות אריין מיט געווין געגאנגען
צוריק מיר קומען מיט פרייד־געזאנגען —

ווי טרויעריק לבנה דעמלט באגלייט,
מיט וויפיל צער און פינסטער שווייגן,
איצט גייט אונז ליכטיקע זון אקייגן.

ביי יעדן טייך איף די ווערבעס דעמלט,
אונזערע הארפן מ׳האט אויפגעהאנגען,
ברויכן מיר איצט נאר די הענט דערלאנגען,

אראפ מיר נעמען מיט פרייד זיי צוריק,
און אנגעסטרויעט די סטרונעס ווערן,
די בערג ארום די טענער דערהערן —

דאס מצווה־טענצל זיי נעמען טאנצן!
ס׳געפאטש פון די הענט הימל דערלאנגען — —
ג אט אליין איצט האלט די חופה־שטאנגען.

ווער כלה באזעצט, חתן באזינגען?
ער, אליקים צונזער, דער בדחן!
צי ברויך גרויסע ליבשאפט ערשט א שדכן?

דער חתן־דנן צוריקגעקומען,
נישט אקערן מיט דער נאז מער פארלאנגען —
ס׳הילכט סאכא־ברכה־שמחה־געזאנגען.

## די כותל

אז ס׳איז נאר דא א וואנט,



געשלעפט א פענטסטער א טיר,
און מיט האמער א האק
און מיט פעזל א שמיר —

און די „סוכת דוד
הנפלת“ איז אויפגעשטעלט!
און עס איז א לעבן,
א ליכטיקע שיינע וועלט:

די שבתדיקע ליכט
די מאמעס טראגן אריין,
אושפיזן — די אבות,
מלך דוד קומט צו גיין.

ס׳פינקל אינם בעכער,
יום־טובדיקער קידוש־וויין;
דורכן שמעקדיקן סכך,
גן־עדנדיק זונען שיין.

אז ס׳איז נאר דא א וואנט,
געשלעפט א פענסטער א טיר,
און ס׳יידישע געסל,
פול מיט „קול הזמיר“—

די זמירות־געזאנגען,
חדוהדיק פון הויף צו הויף!
אז ס׳איז נאר דא איין וואנט,
דער בנין שטעלט זיך שוין איף.

## ביי „די ווארשעווער הייזער“

ווי וואונדערלעך אויסגעוואקסן,
און ווי צעצווייגט ערשט וועסט ווערן —
אן ארומגעשניטענער בוים,
וואס צובליען נישט אויפהערן.

ערשט די פירות, די זאפטיקע,

ווי שמעקעדיק זיי אויסטראגן!
כ'בין אראפגעקומען אהער,
קדוש, קדוש דיר צו זאגן:

אלע דיינע קינדער קדושים,
אין פייער־פלאם אויפגעגאנגען;
דורך קרעמאטאריע־קוימען־הויך
גאט אין הימל צו דערלאנגען.

א, ווי ווייאיק טיף פארווארצלט,
ווער ארויסרייסן דיך קענען;
ווי הייליק דורך פענסטערלעך דען,
די שבת־קודש־ליכט ברענען.

נישט אויסגעגאנגען יידיש ווארט —
ליכט־בענטשן־תחינה כ'הער ברומען!
די מלאכי־השלום כ'זע,
אין די הייזלעך אריינקומען.

ערשט ווען משיח שוין קומען,
די גאנצע וועלט צו דערלייזן,
ווי וווּנדערן ער וועט זיך דאס,
אויף די בערג דא זיך באווייזן —

יעדער בוים „קן־צפור" צעזינגט,
צוויטשערלעך א טוץ באגלייטן;
טויזנט און איין הייליק שטעטל,
ירו־ש־ל־ים פארצייטן —

דיך מיטגענומען אין גלות
אויף א האר נישט צו פארבייטן,
און דיך צוריקגעברענגט צו בלייבן,
לעבן אלע אייביקייטן — —

מארגן ווידער אראפקומען,
זען משיח אויף פערד קומט צו רייטן.



און ארץ־ישראל א לאנד,
ווי אין דוד המלכס צייטן.

פרייטיק פארנאכט 1976.8.27

## ביי דער גרויסער ווארשעווער אסיפה

צו יענער גרויסער אסיפה אין ווארשע,
עקיבה אייגער פון פויזן געקומען,
און דער „חות־דעת" פון שטעטעלע ליסע,
איין אכסניה האבן ביידע גענומען.

שבת צו ותיקין זיינען זיי ביידע,
אין שטאט בית־מדרש דאווענען געגאנגען,
אויפגעקאכט פון פרייד דער גאנצער עולם און
געשעפטש אינטער די ווייבער־שול פארהאנגען.

א קלייניקייט רבי עקיבא אייגער,
און דער „חות־דעת" — דער ליסער רב'ס סידור!
און ביידע גאון־הגאונים אין איין שבת,
אזא כבוד, ווען טרעפט זיך אזוינס ווידער.

דער ווארשעווער רב און דער גבאי ראשון,
אויף מזרח־וואנט זייערע שטעט אפגעגעבן;
א גרויסע פרייד אלע ארומגענומען,
זוכה צו זיין אזוינס מיט צו דערלעבן.

און צו דעם רבס עליה, צו שלישי,
מ'האט אויפגערופן ר' עקיבא אייגער!
און ווען ר'איז ארויף צום שולחן געגאנגען
אלע הערצער איין גייענדיקער זייגער.

נאר זיינס עקיבאס ווי ס'וואלט שטיין געבליבן!
אין דער אכסניה נאך שטילער געשוויגן — —
דער ליסער רב האט אלצדינג טיף פארשטאנען,
און אנגעהויבן מיט גמרא־ניגון:

עקיבא, מיינסטו אז דיר האט מען שלישי,

די רבנישע עליה, געגעבן?
ווייס איך וואס, א מין איינרעדעניש אין בייך,
דיין עיר הבירה, די שטאט פּיזן, כלעבן.

„אז וואס מישטיינסגעזאגט ליסע, א שטעטל,
א דערפל, אבער דיין כרך — די שטאט פּיזן"— —
ווי האבן זיי זיך ביידע ארומגעכאכט,
פון אהבת־נפש צוויי הערצער ברייזן.

ס'ביסעלע י"ש דעמלט ביי „על כן ברך",
די ש"י עולמות כאטש אויעקציגעבן,
און די ידידות פון די צוויי גאונים,
געבליבן אזא איך זייער גאנץ לעבן.

## „ונסלח לכל עדת ישראל"
(לכבוד ראש השנה תשל"ז)

אז דער רבי רב יונתן, א קינד, יום־טוב,
פון דער שול מיט זיין טאטן אהיימגעגאנגען,
אפגעדאווענט א גוט־יאר זיך אויסגעבעטן,
א פולער מיט ימים־נוראים געזאנגען.

איז ווי אלע יאר, ווי ער פלעגט איפן היים וועג,
פרעגט ער איך איצט קשיות גאר שווערע גאר הארבע;
ער איז דאך שוין א חדר־יינגל א גרויסער,
איך אויסוויייניק ער קאן שוין א האלבע שוארבע:

„טאטע ס'איז דאך היינט א יום־טוב, פּונקט ווי פסח,
איז פארוואס שפילט מען היינט נישט קיין ניסן"?
„יונתל, דו ביזט דאך שוין א גרויסער בחור,
פסח שפילט מען ניסן, ווייל ס'פאלט אויס אין ניסן.

„און נאך עפעס, אז וואס מיינט דען ראש־השנה,
אנהייב פון די הייליקע ימים נוראים,
און דאסווארט אגוז בגמטריא חטא,
ווייל מען גאט נישט דערמאנען אין מענטשס חטאים".

קנייטשט יונתל איין דאס געטאקטע שטערנדל,



זיינע אייגעלעך נעמען זיך כשר פרייען,
און זיין פינגערל ממש אין הימל אריין,
א גאר גאר פריילעכס נעמט זיך דרייען:

„טאטע, שטייט נישט „ונסלח לכל עדת ישראל"?
טא דארף מען דאך ערשט טאקע אין ניסלעך שפּילן,
אז גאטס הארץ זאל זיך צו זיינע מענטשן־קינדער
מיט רחמים, מיט סליחה ומחילה אנפילן.

„חוץ דעם באטרעפט דאך ס'ווארט אגוז גאר זיבעצן,
דאס ווארט חטא ווערט דאך מיט אן אלף געשריבן!
אין הייליקן טאג, אין ראש־השנה, טאטע,
גייסט דו א קליין שווארבע יינגעלע אויסייבן.

„זעסט דו דווקא ס'ווארט חטא בגמטריא אכצן —
חי צום לעבן, טאטע, צום געזונט און לעבן!
און וועלכער געטרייער פאטער טוט נישט,
זיינע קינדערלעך די הארבסט זינד פארגעבן".

האט זיך אראפגעבויגן דער פאטער צום קינד,
א קיש געטון אים אין זיין געטאקטן שטערן,
און גרויסע, ווי די ניסן, פון גרויס ליבשאפט,
האבן פון זיינע אויגן געטריפט די טרערן.

## ש ד י - י י — י י - ד י ש

צי איז דען א שפּראך צו ריידן רק,
פארשטייט מען זיך נישט בעסער אן רייד?
א לשון איז דאך תפילה צו טון,
צו באשיצן וועלט און מענטש פון לייד.

א פארמול ס'איז דאך יעטוועדעס ווארט,
יעדעס אות א כשוף־שפּראך, א שם — —
ס'געוויין, ס'געשריי פון א פאלק גייט איך,
ווען עס גייט אויס אין זיי טיפסטן קלעם.

דער לעצטער אוי־קרעכץ דאס לעצטע ווארט,
גייט דאך אריבער פון דור צו דור,

און אין פינסטערסטער חושך־רגע,
עס שיינט אויף ליכטיקסטער יהי אור.

תחית־המתים ס׳שטייט אויף א פאלק,
זיין מויל צעהילכט מיט אייביק געזאנג — —
אזוי אייביקט א פאלק צום לעבן,
דורך פינסטערניש צום ליכטיקסטן גאנג.

אויסגעכאָרכלט ווי האבן מיר דיך,
מאמע־לשון איבער גארער ערד — —
ש ד י י י! יידיש־פארמול,
אז גאנצע וועלט מאמעדיק גוט ווערט.

יא, אן אות, א ווארט א פארמול איז,
אויפרייסן ער קאן ווי אן אטאם;
בייזסטע געבליבטן ס׳קאן אנצינדן,
פלאמיקסטער פונק — פון בין דם לדם —

„חיים ומות ביד הלשון",
א, ווען נישט ס׳מאמעדיקע דערין — —
ס׳קאן זיין אין בן־אדם פאר צווייטן,
פליג צעצאפלט אין געוועב פון שפין.

## ת ח י נ ה ד י ק
(די זעכציקסטע יארצייט פון ש. פרוג)

אייב א מענטש אן אייגן לאנד,
אין גארער וועלט צושפאט און צושאנד,
און פון א פאלק ס׳איז זיין העכסטער שטאנד
באוואפנט זיין מיט געווער אין האנד —

א זכיה דאך געווען ס׳גלות גיין,
צרות דערטראגן און גרעסטע פיין;
דאס שווערסטע צוזאל וואס קאן נאר זיין,
עס אויסגעהאלטן, קיים צו פארשטיין.

דור דורות רק א בראך נאך א בראך!
בלויז ווילאנג דערטראגן קאן מענס נאך?



נישט געבליבן פון אונס עס וואלט דאך,
קיין „אוי" אפילו, צומאל קיין „אך".

(אך, מקוים דיין ברכה, גאט ליב,
מיר זיינען טאקע געווארן שטויב —
טאטע פאטער נ׳הימל אייבן, אויב,
פון קרעמאטאריע ס׳אש־שטויב געהויב).

בכל דור ודור פארלענד כך וכך
יא, זעקס מיליאן איצט שוין גאר אסך! . . .
שאנד און שמאך — א, ווען נישט אונזער תנ״ך,
ווען נישט אונזער מאמעדיקע שפראך — — —

אז אויף גארער וועלט דאך פאראן א גאט,
מענטשן ווייסן נאך פון צען געבאט,
געלוינט האט דאך יעדער גלות טראט,
אין פנים גיפט־געשפיגנסטער שפאט —

אייב טאטע ביים איינעם ווארט אחד,
אלע ארבע מיתות דערשפירט האט,
מאמע מיט לייטזעליקייט און גנאד,
געשעפטשעט מיט געאכפערטן גאט —

צו זיך אהיים ס׳קערט צוריק אציגד,
צו זיין ערד דאס פארטריבענע קינד,
ד׳בארעדיקער, א ליכטיקייט צינד,
נישט פארלאשן ס׳ווערט פון בייזטן ווינט:

מאמעדיקע היים און פאטערלאנד,
יעדער טראט ערד ווו מענטשן־פוס שפאנט;
און נישט נאר א שווערט — הייבן א האנט
איינער אויף צווייטן, די גרעסטע זינד.

## באלאדע מיט „דיאלאג"

מאמע יידיש אויף בראך־שטול,
און ווייען אויסגעצויגן?
אדער לעצטע רגע גאר,
גסיסה פארגלייזטע אויגן?

מען ר׳יסט ס׳ארון־ק׳דש אויף,
זיין עס זאל א גרינג האבן ?
אדער ט׳יאמערן שוין גאר,
ארום א מת פאר באגראבן ?

א חזן מיט משוררים,
משבירך־נדבות ?
צי דאס קלינגען די פושקעס,
צדקה תציל ממות ?

— ווו די שפחה געגאנגען,
שיר־המעלותלעך ברענגען,
די רוחות צו פארטרייבן,
איך די ווענט איפצוהענגען ?

וואלט זי צו אלדי רוחות,
שטוב אביסל צוקערן;
ווייניקער שטיב גע׳ועזן,
די אויגן אזש זיי טרערן.

— שא, ווילט איר דעם אמת וויסן,
הערט איך א ספאדעק דרייען;
ס׳איז די שפחה וואס געהאט,
דאס ילד אין די ווייען.

ס׳איז די שפחה טאקע,
וואס אין קינדפעט טיט ליגן — —
די גברת — מיגרענע !
דאס איז וואס זי קאן קריגן.

## פראפעסאר סאל ליפשיץ — א טייל פון זיין ארײנפיר

(צו ש. שחריה׳ס בוך "וואָרט אריין א וואָרט ארויס"

די צווייטע טעמע וואס פארנעמט א וויכטיק ארט אין דער עסייען־זאמלונג פון ש. שחריה קאנצענטרירט זיך ארום יידישן־לשון, זיין געוועזענע גלאריע, זיין וויכטיקייט פארן יידישן קיום אין גלות און די מעגלעכע ראליע פון דעם יידיש־לשון אין מדינת ישראל ווי די נאציאנאלע שפראך איז העב־



רעאיש. ער גייט אריין אין א לענגערן דיאלאג מיט חיים הזז, און עס גע־לינגט דעם מחבר צו דערפירן דעם דאזיקן העברעאישן שרייבער אז ער זאל זיך צוריקציען פון זיין פריערדיקער אנטי־יידיש־שטעלונג אדער אז ער זאל לכל הפחות זיך „בעסערן־דערקלערן". ער האט א שמועס מיט דוב סדן וועגן דער צוקונפט פון יידיש, און ער קומט צום סענסיטיוון אויספיר אז נישט אפהענגיק ווי די צוקונפט זאל נישט זיין, העל אדער טונקל, דארפן מיר טאן וואס מיר קענען אין דער קעגנווארט צו פראמאווירן די יידיש־שאפונג. „טו דיינס און קוק נישט וואס וועט זיין דער סוף" — ציטירט ער א לאטייניש זאג. ווי עס זאל נישט זיין דער הויכפונקט פון דעם מחבר׳ס פרווון לאזן ריידן יידיש איז דעו׳גרייכט געווארן אין סימפאזיום וועגן יידיש, יידישע ליטעראטור און יידישע שאפונג אין פארם פון אינטערוויוען מיט 8 ישראלדיקע אינטעלעקטואלן, אנהויבנדיק פון אליהו אילת, געוועזענער פרעזידענט פון העברעישן אוניווערזיטעט אין ירושלים און דעם פילאזאף שמואל הוגא בערגמאן ביז צו די העברעישע פאעטן שמעון האלקין און לאה גאלדבערג. הגם כמעט אלע אנטיילנעמערס אין סימפאזיום זענען ארײנ־געטאן אין שטארקן העברעיש אדער אין שאפן העברעישע ווערק פון א רייכער קינסטלערישער קוואליטעט, איז פאראן אן אלגעמיינע הסכמה צווישן זיי אז די אמאליקע פיינטשאפט אדער אינדיפירענץ צו יידיש מוז פארביטן ווערן אין אן אפשאצונג פאר די ווערטן פון יידיש און דער פארגאנגנהייט פארן יידישן פאלק און די קעגנווארטיקע ראליע פון יידיש ווי א קרעפטיקער פאקטאר פארן יידישן קיום אין דיאספארא און ווי א סטימול פון יידישער שעפערישקייט אין ישראל.

די פילאזאפיע פון ציוניזם און די וויטאלקייט פון יידיש ווערן נאך איצט ברייט דיסקוטירט ווי אין די פארגאנגענע יארצענטליקן. שחריה׳ס עסייען שטייערן ביי צו דער באַרייכערונג פון דער דאזיקער דיסקוסיע.

בכלל סטימולירט דאס שחריה־בוך דעם יידישן מענטשן, נאכצודיינקען און דיינקען איבער יידישע פראבלעמען.

יעקב צבי שארגעל

## צו א נאכט אין כנען

(פון בוך „טויערן אין די בערג

די האנט
וואס כ׳האב דארטן אויפגעהויבן
און געשוואוירן
אז כ׳וועל דיך, כנען, קיין מאל נישטפארגעסן,
נעמט דיך היינט ארום און גלעט דיך,
באזינגט און בעט דיך.

און די ווערסט שיין און שענער נאך,
וונדערלעך און גרויס —
מאכטיק.

און פראַקטיק ווערסטו, נאכט פון כנען, א, ווי פראַקטיק!
דיין לבנה — א פיתה נישט דערבאַקענע איף פאַררויכערטע בלעכן —
זעטיקט מיט בלויען חלום־זעט דעם היטער און דעם גייער
ביזן אויפטאג פון נייעם טאג.
און כאַטש הונגעריקע ווייִנען הינטער מיר שאַקאַלן
ווי די ווערבעס דאָרטן ביים צעבייזערטן טייך,
בין איך גלייך שוין איצט צו אַלע די וואָס האָבן
נעכט און
טעג,
שעפסן און
רינדער ביי קוואַלן:

נאָר ווייל איך האָב מיין היים די אַלטע,
ווו איך בין אין ווייען אויסגעוואַקסן,
אין א ראַם איינגעראַמט אַצינדערט
און אויפגעהאַנגען זי לזכר אויף מיין וואַנט,
לאָזט זיך מיר אַראָפּ די האַנט —
א בליי־געוויכט אין וואַסערן טיפע
און מיין מויל א פאַרכמאַרעטס
ווייען אַריין אינעם שטייניקן סטעפּ
א געבעט:

א, נאַכט פון כנען
בלויע,
פולשטערנדיקע,
צי קאָנסטו נישט אַריינגעמען מיין טייכל און דאָס געסל,
און דאָס הייזל דאָס נוטה־למותדיקע
און זיי פירן אויף די טרעפּ די דאַעדיקע
וואָס גרייכן צו דיין פולער לבנה? —

אַט איך,
דער געקומענער צו דיר נאָך לאַנגן פאַרזאַם,
בין דאָך איינס מיט דיר און מיט דער ראַם,
איך גראַם דעם דאָ מיטן דאָרט
און רעד אייך אַרויס אין איין אָטעם,



און איין וואָרט,
ביז ווייטיק,
ביז פּיין.

פאַר וואָס זשע נעמסטו נישט אין זיך זיי אַריין,
א, פולשטערנדיקע נאַכט פון כנען!

א ב ר ה ם  פ נ ח ס  צ ו ק ע ר ס

# ד ו ד  ל י ן

(פראַגמענט פון דער גרעסערע פּאָעמע המישיל)

דוד לין — פירט א גאַנצן טאָג דאָ שטיינער,
ער וויצלט זיך, אַז ווערן מוז ער שטיין רייך;
נאָר ביינאַכט אין שטילקייט ווען ס'זעט אים נישט קיינער
שטייט ער, אייז פאַרפרוירן, ביי זיין שוואַרצן טייך.

געווען אַמאָל א לערער און געלערנט
קינדער יידישע; צום לעבן זיי געגרייט
מיט זיי האָט ער זיין הימל אויסגעשטערנט,
מיט זייער מאָרגן, שוין זיך אַליין באַפרייט.

אין זיי האָט ער געטראָגן שטיל זיין גלויבן,
געהערט זיי ווי דאָס וואָרקען שטיל פון טויבן.

דאָס שטייט ער דאָרט ביים טייך אויף וועמען וואַרט ער?
ס'איז קאַלט די נאַכט און האַרט ווי שווערער אייזן —
פון אונטער אייז זיך הויבן שאַרבנס שוואַרצע —
מיט ווייי־געשריי: קום לערער אונז דערלייזן

זיין גוף איז שטייף כאַטש די קלאַנגען דערקענט ער
רירט ער זיך נישט פון אָרט און ס'פּלאַצט נישט זיין האַרץ.
דאָס שרייען דאָך די שילער, די פאַרברענטע,
פון טבילה־טייך, מיט קולות קאַלט און שוואַרץ,

ביי יענער שטילקייט, ווען עס זעט נישט קיינער,
שטייט דוד לין. אַליין, בלויז איינער.

א פינק אנטליפט — מיט נאכט זיך צו פארפלעכטן
אין ווערט אין פינצטער איינזאם ווי פארלארן,
ס׳איז דיך לין. אין מדבר פון זיין נעכטן
אים וועט נישט היילן בלויז דער גאנג פון יארן.
איז גיט אים דא אין מדבר שטיינער פירן
און הערן ווי די צייט ברענגט נייע טענער,
וועט ער זוכה זיין גאולה צו דערשפירן
וועט צער פון צער אייך ווערן אפשר קלענער.—

אט זיצט ער דא, מיט אלע איצטביים פייער
ווי משיח וואס ווארט אויף א באפרייער.

מעסט וועד די צייט מיט וויינען פון שאקאלן,
וועגט וועד דעם מדבר־ווינט און רעכנט דאס געוויכט
ווי לאנג איז עס שוין ווי סדום איז געפאלן
פארוואס ברענט דאס זאלץ ביז איצט נאך מיין געזיכט?
דאס זאמד אין זייגער טריפט און הייבט זיך ווידער
די רגע פרווט די אייביקייט באזיגן,
פון דיתן קומען זיי איצט — יוסף׳ס ברידער
זיי פירן מיט זיך מיט די שאף און ציגן

און אויף דער בריק וואס שפאנט דורך טויזנט יארן
רוען סטאדעס — ציפוסנס פון טראקטארן.

פייוול זיגלבוים

## פון זיין משפחה בוך

זיין וועג: דארף, מיל, פעלד, וואלד פייגל און בלום דארפיש־
גישע סביבה פון פריצים און ליינן־אייגענע פויערים מיט זייערע געזאנגען,
געשלעגן, הולאנקעס, ייזל־גלעקלעך, וויינאכט־שאפקעס און „זשידאווסקי
ריבי”. זיין דארפישער לערער, סטודענט, זיינע מלמדים, ישיבה ימים־
טובים און שטעטל מיט יידן, דביקות־ניגון ביי א רבנישן טיש, השכלה־
ביכער און קבלן־ספרים. דער איינזאמל פון דעת, כדי צו ווערן א שטילער
„איש־מכאוב”, כדי צו פארלאטען זיין צעריסענע וועלט, זיך איינצוויקלען
אין א רחמים־בגד פון שווייגן . . . די פאנאראמע פון דארפישן ייִנגל
יאסקע דעם ארענדארס, ביז יאסקע־לערער, יאסקע דעם בעל־מטפל, ארע־
מאן וואס קען זיך מיט דער וועלט קיין עצה נישט געבן, קעמפט נישט,
נאר שטייט מיט דער ביקס פון „שויין” אין פאלט יונג אין דער פאסיווער
מלחמה פון אינערלעכער צעריסנקייט און לאזט א צעטמלטן דעם דור



פון זיין געביין, וואס זוכט נישט נאר ברויט צו זעט, נאר אויך צו פארן־
שטיין דעם טאטן מיט זיין גדלות פון ארעם זיין. ארומגיין א פארקאר־
קעוועטער, א פארוויקלטער אין זיך שטענדיק אין א זייט, א כמעט בלינדער
ביינאכט, אן אסקעטיש שוואכער גוף און א ליידנשאפטלעכער רויכערער,
וואס האט נאכגעקוקט די רינגעלעך רויך פון מויל, וואס ציען ארויף העכער,
העכער, ווי די רעדער פון זיין מרכבה, ווייט אוועק פון א וועלט אנגעלאדן
מיט גשמיות א וועלט פון יועלכער ער האט זיך אינגאנצן איזאלירט און
געלעבט אין א פארשלאסענער וועלט, וואס איז געווען נאר זיין, נישט דורכ־
צולאזן אפילו א שפארקעלע צו ווייב און קינד. אפשר, איז עס געווען סימן
עניוות? נישט צו פארשעמען דעם גבירישן שכן מיט זיין „כל־טוב”. . .?

אויך צו כביכול האט דער טאטע שטיל געדאוונט, אזוי געלערנט זיין
„דף־יומא”. א חסיד אין קיינמאל צום רבין נישט געפארן, ליב געהאט חסידות
און פיינט געהאט רביסטווע, ווי אויף ברויט האט דעם טאטן אודאי געפעלט
אויף הוצאות. דער עיקר האט ער נישט געקאנט פארטראגן „דאס געשעפט”
מיט די קוויטלעך און פדיונות, דעם רבישן הויף מיט די „שאלאטן־שמשים”,
זענען זיינע ימים־טובים און שבתים געווען א כזית חלה מיט זמירות
און שטילער דביקות, זיין אייגענער „הויף” איז אויך כביכולס שיס. א „לישב
בסוכה” מיט אייגן געקוועטשן ראזשענקע־ווין, מיט ברויט און הערינג, ווען
דער לעצטער שכן איז פון סוכה ארויס איז דער טאטע אריין מיט אביונישן
שטאלץ און בטחון מיט די בנים זמירות צו זינגען ביי זיין טיש אן חלות,
אן פלייש און אן פיש. האבן פייגעלעך הארבסטיק געגורקעוועט אין סכך,
געזוכט אווארעם באהעלטעניש, צו שיריים פון זיין יום־טוב־טיש, סוכותדיק
געשירה׳ט. האט דער טאטע זיך פארטראכט, פארטריבן פון זיך דעם שרייב־
צער און מיט א שטילן ניגון געזאגט „איר הערט קינדער די מלאכים זינגען
שירה, וואס דארף מען מער?”. די מאמע אין שטוב האט געשאנקען דעם
אייבערשטן איר פרומע טרער.

איז ווייל, טויט־לעבעדיקער טאטן־גאסט פון דיר צו שמועסן, זען דיך
אן אכטן צו די זיבן־געסט פון די „אושפיזין” וואס האסט מקבל געווען שוין
איינער אליין ביי צאנקנדיקע ליכטלעך שיין. די פייגעלעך האבן שוין גע־
רוט אין סכך זאטע און דו, מיט דיינע שוואכע אויגן, טאטע, האסט מקבל
געווען א מתנה־נבואה פון נאך א שוואכערן בעל־ראיה — יצחק דיין אושפיזין־
גאסט — א זילבערן פעדערל סוכותדיק נאס . . . פארדמיונט ביסטו געבליבן
אין סוכה, אודאי איינגעדרימלט. צווישן נאכט און טאג האט דער מארגנ־
שטערן דיך געפירט אין שטוב אריין מיט טראפנס־טוי אויף דיין מתנה
און צעלאקשנטער, אטלאסענער קאפאטע.

ש. י. עגנון

## מיטן קומען פון טאג

נאך דעם ווי שונאי־ישראל האבן מיר חרוב געמאכט דאס הויז האב

איך געקומען מיין קליין טעכטערל אויף די אָרעמס און בין מיט אַלץ אַנטרונען אין שטאָט אַריין. פאַר שרעק און שאָק בין איך געלאָפן ביינאַכט און בייטאָג אין איילעניש ביז כ׳בין אָנגעקומען אַ שעה פאַרנאַכט ערב יום־כּפּור פאַרן הויף פון דער גרויסער שול. בערג און טאָלן וואָס האָבן אונז באַגלייט, האָבן זיך אָפּגעשיידט און געגאַנגען זייער וועג, און איך מיטן קינד זענען אַריין אין הויף אַריין. פון אַ טיפעניש האָט זיך אַרויסגעהויבן און געגלאַנצט די גרויסע שול און לינקס פון איר דער אַלטער בית־המדרש. און אַ טיר אַנטקעגן דער נייער בית־המדרש. אַט דאָס בית־התּפילה און די דאָזיקע בתּי־תּורה זענען מיר קיינמאָל נישט פאַרשוואונדן פון מיינע אויגן, און טאָמער האָב איך זיי פאַרגעסן בייטאָג, האָבן זיי זיך געטראָגן און געקומען מיר צו חלום ביינאַכט, ווי אויף דער וואָך. און איצט, אַז שונאי־ישׂראל האָבן מיר חרוב געמאַכט דאָס הויז, בין איך אַנטלאָפן מיט מיין קליין טעכטערל צו די דאָזיקע מקומות, וואָס זי האָט זיך אַזויפיל אָנגעהערט וועגן זיי, און ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז זי דערקענט זיי. אַ מנוחה פון שלום האָט געהערשט אויפן הויף, מחמת די יידן האָבן שוין לאַנג געהאַט אָפּגעדאַוונט מנחה און זענען זיך געזעסן אין דער היים ביי דער סעודה־המפסקת זיך צוצוגרייטן צום מאָרגנדיקן פאַסטן כּדי צו זיין געזונט און שטאַרק תּשובה צו טון.

אַ קאַלטער ווינט האָט געבלאָזן אויפן שול־הויף און אַרומגענומען דאָס ביסל וואַרעמקייט, וואָס איז נאָך איבערגעבליבן אין די דיקע ווענט. אַ ווייסלעכער דאַמף האָט זיך אויפגעהויבן און געטראָגן אַרויף איבער דער געביידע, אַ דאַמף, וואָס קינדער רופן אים דער אָטעם פון די מלאכי־השרת.

כ׳האָב אָפּגעוואָנדן מיינע מחשבות פון דעם, וואָס די שונאי־ישׂראל האָבן מיר אָנגעטון און מיך גענומען פאַרטראַכטן איבערן יום־כּפּור, וואָס אַט־אַט איז ער דאָ, אַ טייערער און אַ הייליקער טאָג, פול מיט ליבשאַפט און פריינטשאַפט פון רחמים און געבעט, וואָס אין דעם דאָזיקן טאָג איז אַ מענטשנס געבעט ליבער און אָנגענעמער און אָנגענומענער ווי אַלע אַנדערע טעג. נאָר הלוואי שטעלט מען אויעק אַ געהעריקן בעל־תּפילה פאַרן עמוד ווייל אין די לעצטע דורות איז קליין געוואָרן די צאָל שלוחי־ציבור, וואָס ווייסן ווי צו דאַוונען און עס האָבן זיך גענומען מערן די חזנים, וואָס טיילן אַזוי צו כּבוד דעם האַלז זייערן מיט זייער זינגען און טעמפּער־אויפן דאָס האַרץ. און איך דאַרף דאָך שטאַרקונג, שוין אָפּגערעדט מיין קינד, אַ קינד אויסגעוואָרצלט פון דער היים.

כ׳האָב אַ בליק געטון אויף מיין מיידעלע, וואָס איז געשטאַנען און געציטערט, וואַרעמענדיק זיך די הענטלעך ביי אַן אָנגעצונדן נשמה־ליכט אויפן שול־הויף. אירע אייגעלעך האָבן זיך אָנגעטראָפן מיט מיינע אויגן און געבליקט צו מיר ווי אַן אָנגעשראָקן קינד, וואָס הערפילט דעם טאַטן שטיין איבער אים און איז משיג, אַז זיינע געדאַנקען זענען פאַרבאָרגן, נאָר דאָס האַרץ זיינס איז ווייך.



כ׳האָב גענומען איר הענטל אין מיינע הענט אַריין און געזאָגט צו איר, אַז באַלד וועלן גוטע מענטשן קומען און מיר געבן אַ טלית מיט אַ זילבערנער עטרה, ווי יענער וועלכן די שונאי־ישׂראל האָבן צעריסן. „געדענקסט דאָך דעם שיינעם טלית מיינעם, וואָס כ׳פלעג אויסשפּרייטן דיר איבערן קעפּעלע בשעת די כּהנים האָבן געדוכנט. מען וועט מיר געבן אַ גרויס מחזור, פול מיט תּפילות, און איך וועל מיך איינהילן אין טלית און נעמען דאָס מחזור און מתפּלל זיין פאַר גאָט, וואָס האָט אונדז געראַטעוועט פון דער האַנט פון אַלע אונדזערע שונאים וועלכע זוכן אונדזער לעבן. און וואָס וועט מען דיר ברענגען, מיין טייערע? דיר וועט מען ברענגען אַ קליין סידורל, פול מיט אותיות, און וועלכן עס שטייט געדרוקט דער גאַנצער אַלף־בית מיט די נקודות. זאָג מיר, מיין ליב טעכטערל, אַן אַלף מיט אַ בית צוזאַמען און עס איז דאָרטן אַ קמץ אונטער דער אַלף, ווי לייענט עס זיך?” מיין טעכטערל האָט גלייך געענטפערט „אָב”. האָב איך צו איר געזאָגט, „און וואָס איז דער טייטש פון אָב?” האָט מיין טעכטערל געענטפערט, אַז דער טייטש פון אָב איז „טאַטע, ווי דו, מיין טאַטע”. האָב איך איר געזאָגט, „האָסט וואויל געטייטשט. אַזוי איז עס אַן אַלף מיט אַ קמץ און אַ בית אָן אַ דגש איז אָב — אַ פאָטער”

און איצט, מיין טעכטערל, זאָג מיר ווער עס איז דער גרעסטער פון אַלע פאָטערס? דאָס איז אונדזער טאַטן־פאָטער אין הימל, וואָס ער איז מיין פאָטער און דיין פאָטער און דער טאַטע־פאָטער פון דער גאַנצער וועלט. זעסט, טעכטערל מיינס, צוויי קליינע אותיות שטייען זיך אין סידור, ווי זיי וואָלטן געשטאַנען יעדע באַזונדער אָבער אַז זיי באַהעפטן זיך איינע מיט אַליין? ניין, נאָר אַלע אותיות ווען זיי באַהעפטן זיך ווערן ווערטער, און דער צווייטער באַטייטן זיי שוין פאָטער. אפשר בלויז די דאָזיקע אותיות פון די ווערטער ווערן תּפילות. און די תּפילות גייען אַרויף פאַר אונדזער טאַטע־פאָטער אין הימל און ער הערט זיך צו און פאַרנעמט דאָס קול פון אונדזערע תּפילות, אויב דאָס האַרץ האָט זיך באַהאַפטן מיטן אור־עליון — אויבערשטע ליכטיקייט — ווי אַט דאָס פלעמל אינעם ליכט”.

בשעת כ׳בין אַזוי געשטאַנען און אויסדערציילט דעם כּוח פון די אותיות, האָט דער ווינט אַ בלאָז געטון אויפן שול־הויף און געטראָפן דאָס נשמה־ליכט, וואָס האָט דאָרט געברענט. דאָס ליכט האָט זיך אַ בויגן־אויס געטון פאַרן ווינט און איז אַרויפגעפאַלן אויף מיין טעכטערל. דאָס פייער האָט אָנגעכאַפּט איר העמדל. צוליבן ברענען האָב איך איר צעריסן דאָס העמדל און דאָס קינד איז געבליבן שטיין נאַקעט, מחמת פון אַלע שיינע קליידעלעך אירע איז איר מער נישט איבערגעבליבן ווי בלויז דאָס העמדל אויפן לייב, ווייל צוליב דער בהלה צו אַנטרינען פון דער שאַרף פון דער שווערד האָבן מיר גאָרנישט מיטגענומען. און איצט, אַז פייער האָט איר אָנגעכאַפּט דאָס העמדל, האָב איך נישט געהאַט קיין שום קליידל, מיט וועלכן צו פאַרדעקן מיין קינד.

כ׳האב מיך געדרייט אהין און אהער, זוכנדיק עפעס מיט וואס זי וואלט זיך געקאנט צודעקן איר לייב. געזוכט און נישט געפונען. וואו איך האב נישט געקוקט איז עס געווען א ליידיק ארט. פאלט מיר איין א קוק צו טין אין דער גניזה אריין, וואו צעריסענע ספרים ליגן באהאלטן. אפשר וועל איך דארט עפעס געפינען. בח׳רוויז פלעג איך דארטן טיילמאל נישטערן און געפינען אסך זאכן: טיילמאל דעם ענדטייל פון א זאך, טיילמאל דעם אנהייב אדער א מיטלשטיק. נאר זוכנדיק איצט דארטן, האב איך גארנישט געפינען וואס וואלט געקענט צידעקן מיין קליין מיידעלע. און ס׳איז דען א וואונדער וואס איך האב גארנישט געפונען? ווארום נוצט מען ספרים צום לערנען, צעררייסן זיך די ספרים און היינטיקע צייטן, אז מען נוצט נישט קיין ספרים צערייסן זיך די ספרים נישט.

בין איך געשטאנען פארזארגט און געציטערט. וואס זאל איך טון פאר מיין קינד און מיט וואס פארדעקן איר נאקעטקייט? באלד פאלט צו די נאכט און מיט דער נאכט קומט די קעלט און איך האב נישט קיין קליידל און קיין שום אנדערע זאך זי איינצוהילן. האב איך מיך דערמאנט אין הויז פון ר׳ אלטער, וואס האט עולה געווען קיין ארץ־ישראל. טראכט איך מיר, אז כ׳וועל אהינגיין צו זיינע זין און טעכטער און בעטן ביי זיי עפעס א בגד. האב איך געלאזט שטיין מיין טעכטערל אזוי ווי עס איז און בין טאקע אהינגעגאנגען צו ר׳ אלטערס זין און טעכטער. א, ווי שיין זענען עס א מענטשנס טריט ווען מען יאגט זיך נישט נאך אים! די ערד איז לייכט און גרינג און ברענט אים נישט אונטער די פיס און די הימלען ווארפן אים נישט קיין שטעכעלקעס אין די אויגן אריין. איך בין אבער נישט געגאנגען, נאר געלאפן, אז טאמער יאגט מען יא נאך, זאל מען זיך נישט יאגן נאך מיר. די צייט האט מיך געדרענגט, ווייל די זון האט שוין געהאלטן ביים אונטערגיין און די צייט איז געקומען אנצוהייבן כל־נדרי. האב איך מיך געאיילט אהינצוקומען איידער ר׳ אלטערס לייט שטייען אויף צו גיין דאווענען.

ס׳איז גוט זיך צו דערמאנען אין א פריינטס הויז בשעת אן עת־צרה. ר׳ אלטער עליו השלום, איז געווען מיין מוהל און א פריינטשאפט האט עקזיסטירט צווישן מיר און אים, און כל־זמן ר׳ אלטער איז דא געווען פלעג איך זיין א יוצא־ונכנס ביי אים, איבערהויפט אין די ערשטע יארן, ווען זיין אייניקל גד און איך האבן זיך געלערנט צוזאמען. א קליינס איז געווען ר׳ אלטערס הויז ביז צום שטיינען. אזא גרויסער מאן ווי ער, ווי האט ער עס געקאנט דא וואוינען? ר׳ אלטער איז אבער געווען א יידי א חכם, האט ער זיך קליין געמאכט, אזוי, אז זיין הויז איז שוין געווען גרויס.

דאס הויז זיינס איז געווען געבויט אויף איינעם פון די קליינע בערגעלך ארום דער גרויסער שול. אויך א געמויערטע וואראנדע איז געווען ביים הויז און אויף אט דער וואראנדע האט ר׳ אלטער עליו השלום, געהאט א געוואוינהייט צו זיצן מיט א לאנגער ליולקע און מויל און לאזן



רינגעלעך רויך ארויפשטייגן אין חלל פון דער וועלט. אסך מאל בין איך מיר דארטן אזוי געשטאנען און געווארט, אז די ליולקע זאל זיך אויסלעשן און איך זאל אים ברענגען פייער. אט די דאזיקע ליולקע האט מיין זיידע, עליו השלום, אים געשענקט א מתנה צו דער סעודה נאך מיין ברית־מילה. האט ר׳ אלטער טאקע מיר געזאגט, „דיין זיידע איז געווען א בקי אין ליולקעס און געוואוסט ווי צוצופאסן א ליולקע פאר יעדן מויל״. און ווען ר׳ אלטער האט מיר דאס געזאגט, האט ער זיך געגלעט די בארד ווי איינער, וואס ווייסט אליין, אז ער איז ראוי צו אט דער ליולקע זיינער, הגם ער איז געווען אן ענו. און אפילו אין דער הינזיכט קאן מען ארויסזען ר׳ אלטערס עניוותדיקייט, מחמת ערב־שבת א שעה איידער ס׳ווערט פינסטער, אז ער האט אויסגעלאשן די ליולקע צוליב שבת, האט ער געזאגט, „דיין זיידע דארף נישט אויסלעשן זיין ליולקע, ווייל ער ווייסט וויאזוי צו פארלענגערן און וויאזוי מקצר צו זיין דאס רויכערן לויט ווי די צייט פארלאנגט עס״.

און אזוי בין איך אריינגעגאנגען אין ר׳ אלטערס הויז אריין און געפונען ר׳ אלטערס טאכטער און מיט איר א קליינע גרופע אלטע לייט, מענער און ווייבער, זיצן ביים פענסטער און איין זקן, מיט א פנים פון אן איינגעטרוקנטער בארנע, איז געשטאנען און געלייענט א בריוו. און אלע האבן זיך צוגעהערט און פארנומען וואס ער האט [illegible]עלייענט און זיך געווישט די אויגן. צוליב די פילע יארן, וואס זענען פארביי, האב איך מיך טועה געווען אין ר׳ אלטערס טאכטער, מיינענדיק זי איז די מאמע. וואס טוט זיך דא, האב איך מיך געפרעגט, מיטן בין־השמשות פון ערב יום־כפור און די מענטשן האבן נאך נישט אנגעצונדן קיין לעבעדיק ליכט! און וואס איז דאס פאר א בריוו? פון ר׳ אלטערן? אבער ר׳ אלטער איז שוין לאנג צוריק געשטארבן. איז קען עס זיין פון ר׳ אלטערס אייניקל, גד, מיין חבר, וואס פלעגט פארברענגען אין בית־המדרש פון אין דער פרי ביז ביינאכט? איין טאג איז ער דארט געווען אין דער פרי און איז מער נישט צוריקגעקומען. מען האט גע[illegible]ט אז צוויי נעכט פארן פארשוואונדן ווערן, האט די אם זיינע אים געזען אין חלום ווי א פעדער פון עפעס א משונה עוף האט אים ארויסגעשפראצט פון קאפ און ער האט געשריגן א בע צע דע. ר׳ אלטערס טאכטער האט איינגעקנייטשט דעם בריוו און אים אוועקגעלייגט צווישן שפיגל און דער וואנט. דאס פנים אירס, ווי ס׳האט אראפגעקוקט פון שפיגל, איז געווען דאס פנים פון א זקנה, וואס באפעסטיקט די יארן מיט זיך, און צווישן איר פנים און דעם איבריקן טייל פון דער מראה האט מיין פנים אויסגעזען ווי אן אומפארהיילטע מכה.

כ׳האב מיך אפגעווענדט פון דער דאזיקער מראה און מיך געוואנדן צו די איבריקע זקנים און זקנות אין ר׳ אלטערס הויז, ווילנדיק זיי עפעס [illegible]ג. האבן זיי גענומען פאכען מיט די ליפן ווי איינער, וואס וויל עפעס

זאגן און האט עפעס דערזעען און זיך דערשראקן.

מיין זקן האט באמערקט ווי איך ציטער, האט ער א ריר געטון מיט א פינגער אויף זיינע אייגן־לעכער און געזאגט, „קוקסט אויף אונזערע צעריסענע מלבושים? עס איז נאך גוט גענוג פאר ברואים אונזערסגלייכן, אויב עס בלייבט נאך הויט אויף אונזער לייב" די איבריקע זקנים און זקנות האבן עס אויסגעהערט און צוגעשאקלט מיט די קעפ, און בשעת זיי האבן אזוי געשאקלט מיט די קעפ, האט די הויט אויף זייער לייב גענומען זיך טרייסלען. איך האב מיך גובר געווען און בין מיר ארויסגעגאנגען הינטער־וויילעכס.

איך בין ארויס פארצווייפלט און מיט ליידיקע הענט, און א מלבוש און מיט גארנישט, און מיך אומגעקערט צו מיין קינד. כ'האב זי געפונען שטיין אין א ווינקל אויפן שול־הויף הארט ביי א וואנט, וואו דאס טהרה־בעט איז געשטאנען, אויף וועלכן מ'וואשט די מתים. זי האט געהאט די האר אראפגעלאזט און זיך פארדעקט מיט זיי. רבונו־של־עולם, ווי גרויס איז דיין גוטסקייט, ווארום האסט געשענקט חכמה אינם הארץ אריין פון אזא קליין מיידעלע, אז זי זאל זיך איינהילן מיט אירע אייגענע האר נאך דעם ווי דאס העמדל אויף איר איז פארברענט געווארן: אז כל־זמן מ'האט איר נישט געברענגט קיין קליידעלע זיך אנצוטון, איז גוט וואס זי פארדעקט זיך מיט אירע אייגענע האר. נאר ווי גרויס איז געווען מיין טרויער, וואס האט מיך אנגעכאפט אין אט יענער שעה, א שעה ווען דער יום־הקדוש קומט אריין, וואס דאס גאנצע יאר ווייסט קיינער נישט פון אזא שמחה ווי אין דעם טאג. איצט אבער איז נישט קיין שום שמחה און קיין שום סימן פון א שמחה, נאר צער און יסורים.

דאס קול פון שוך־גייער, אין שטעק שיך און זאקן, האט זיך אנגעהויבן צו הערן, ווי פיס קלעטערן ארויף אויף די שטיינערנע טרעפ און הענט האלטן טליתים און קיטלען. מיטן גוף מיינעם האב איך געריבן מיין טעכטערל, וואס האט געציטערט פאר קעלט און געגלעט איר די האר. ווידעראמאל האב איך געכאפט א בליק אין דער גניזה אריין, וואו מען פלעגט באהאלטן צעריסענע ספרים, וואס בחורווייז פלעג איך פון דארטן ארויסנעמען פארכטיקע און וואונדערלעכע זאכן צווישן די צעריסענע. איינע אזא זאך געדענק איך נאך מער־ווייניקער. טיילמאל האט זי זיך פארשטעלט אין דער געשטאלט פון א זקנה און טיילמאל אין דער געשטאלט פון א יונג מיידל. ווען זי האט זיך אנטפלעקט אין דער געשטאלט פון א יונג מיידל, האט מען זיך נישט געשארט איינרעדן, אז איר נשמה איז אזוי ריין ווי א יונג מיידלס. נאר דאס איז זי געקומען צו שאפן דעם איינדרוק, אז זי באגערט, לעכצט און בענקט זיך אומצוקערן צו איר לויטערקייט, ווי א קינד וואס ווייסט נישט פון קיין שום חטא. ווער עס איז א נאר פארוועקסלט די באדערפעניש מיטן אנבליק, ווער עס איז א חכם פארוועקסלט די באדערפעניש מיטן באגער.



א לאנגער מענטש מיט א רויטער בארד איז געקומען צוגיין, נאך ארויסציענדיק איבערגעבליבענע ברעקלעך צווישן די ציין פון דער סעודה־המפסקת, און זיך צעשפרייט דעם ברייטן בויך, מאכנדיק זיך באקוועם ווי איינער וואס ווייסט, אז גאט וועט אים נישט אנטלויפן און דעריבער דארף מען זיך נישט איילן. ר'האט זיך איינגעקוקט אין אונז און עפעס געשמייכלט דערנאך האט ער עפעס געזאגט וואס האט געקלונגען צוויידייטיק.

בין איך אריין אין כעס און האב אים געגעבן א כאפ אן ביי דער בארד און געפליקט אים די האר. פארגרויס דערשטוינונג איז ער געבליבן שטיין און זיך נישט גערירט פון ארט. זיכער האט עס אים איבערראשט וואס אזא נידריק מענטשעלע ווי איך הויבט אויף א האנט אויף אזא בעל־גוף. וואס טאמער וואלט ער אויפגעהויבן א האנט אויף מיר, וואלט איך שוין קיין גאנצער נישט ארויס פון זיינע הענט.

ס'איז אנגעקומען א צווייטער הויכער מענטש מיט געזונטע אברים, וואס האט זיך בארימט, אז ער איז איינער פון מיינע פריינט. האב איך אויפגעהויבן מיינע אויגן צו אים, מיט דער האפענונג, אז ער וועט אונז צעשיידן איינעם פונם אנדערן. ער אבער האט גענומען שיקלען מיט די אויגן. האט פארגלייזט די אויגן און זיי האבן אנגעהויבן גלאנצן ווי שפענער. ער איז זיך אזוי געשטאנען און צוגעקוקט ווי איינער וואס קוקט זיך צו צו א טעאטער־פארשטעלונג פאר זיין פארגעניגן.

האב איך אויפגעהויבן מיין קול און גענומען שרייען. א פייער האט אנגעצונדן און פארברענט מיין טעכטערלס העמדל און זי שטייט און ציטערט פאר קעלט! האט ער א שאקל געטון מיטן קאפ און ווידער געשיקלט מיט די אויגן. ווידעראמאל האבן זיינע אויגן געגלאנצט ווי אפגעהויבלטע שפענער און די אויגן זיינע זענען בלייך געווארן ווי דאס בלייכע אויף א וואסער. האב איך ווידער געשריגן, „לא־די וואס איר ברענגט איר נישט קיין קליידל, נאר איר שפאט אפ פון אונז!" האט ער ווידער א שאקל געטון מיטן קאפ און איבערגעחזרט מיינע רייד, ווי איינער וואס האט געהערט א שיינע מעשה און חזרט זי איבער. און בשעת ר'האט איבערגעחזרט מיינע ווערטער האט ער אפגעווענדן זיינע אויגן פון מיר, כדי מען זאל מיך נישט זען און מיינען, אז עס איז אן ארגינעלע דערציילונג זיינע. מיין כעס איז דערווייל אוועק פון מיינע שונאים צוליב צארן, וואס כ'האב געפילט אויף דעם דאזיקן, וועלכער האט זיך בארימט אז ער איז מיין פריינט, צוליב זיין איבערחזרן מיינע פאסירונגען, ווי זיי וואלטן געווען זאכן אויסגעטראכטע פון אים אליין.

מיין טעכטערל האט אנגעהויבן וויינען, „לאמיר אנטלויפן פונדאנען." האב איך צו איר געזאגט, „וואס רעדסטו פאר א רייד? זעסט דען נישט, אז דער טאג איז שוין הייליק געווארן און מיר טרעטן אריין אין א הייליקן יום־טוב? און אויב מיר זאלן אנטלויפן, וואוהין זאלן מיר לויפן און וואו וועלן מיר זיך באהאלטן?"

וואו געפינט זיך אן ארט צו באהאלטן? אונזער הויז איז חרוב און די שונא־ישראל זענען אומעטום אויף די וועגן. און אויב א נס זאל שוין געשעען און מיר וועלן אנטרינען, צי קען מען זיך פארלאזן אויף א נס? און דא זענען דאך די צוויי בתי־מדרשים און די גרויסע שול, וואו כ׳האב געלערנט תורה און געדאווענט, און דא איז דאס ארט, וואו מ׳פלעגט באהאלטן אלטע ספרים, וואס ווען כ׳בין געווען א קינד פלעג איך דא נישטערן און געפינען אסך זאכן. כ׳ווייס נישט פארוואס גראד היינט האבן מיר גארנישט געפונען. אבער איך געדענק ווי כ׳האב דא געפונען א גרויסע זאך צום ניצן און אין אויסזען און צום גלוסטן. וואלט עס נישט געווען וואס דער טאג דרענגט, וואלט איך דיר געגעבן אלץ קלאר צו פארשטיין און וואלסט איינגעזעען, אז דאס איז נישט קיין משל, נאר פשוטע רייד״.

כ׳האב געכאפט א בליק אויף מיין טעכטערל, וואס איז געשטאנען און געציטערט פאר קעלט, און א קליידל און אפילו קיין העמדל האט זי נישט געהאט אויף זיך. די נאכט איז געווען קאלט און דאס קיל פון ווינטער־פויגל האט מען שוין געהערט צווישן די בערג. און אזוי האב איך געכאפט א בליק אויף מיין ליבלינג קינד, ווי א טאטע וואס בליקט אויף זיין קליין טעכטערל און א ליב שמייכעלע האט זיך מיר באוויזן אויף די ליפן. אט דאס שמייכעלע איז גראד געווען אין דער ריכטיקער צייט, ווארום עס האט געמילדערט איר פחד, וואס האט זיך מער נישט באוויזן. און אזוי בין איך געשטאנען מיט מיין טעכטערל אויפן שול־הויף און די צוויי בתי־מדרשים, וואס יעדן טאג האבן זיי זיך געטראגן און געקומען מיר צו חלום, אבער דעם היינטיקן טאג זענען זיי געשטאנען מיט מיר און זייער ווירקלעכער עקזיסטענץ. די טויערן פון די בתי־תפילה זענען געשטאנען אפן און פון די דריי בתי־תפילה האט זיך געהערט דאס קול פון בעל־תפילות. וואוהין זאל מען בליקן און וואוהין נייגן אונזערע אויערן?

דער, וואס שאפט אויגן צו זעען און אויערן צו הערן, האט געניט מיינע אויגן און מיינע אויערן צום אלטן בית־המדרש. דאס אלטע בית־המדרש איז געווען פול מיט יידן, און דער ארון־קודש איז געווען פול מיט ספר־תורות אלטע, און צווישן די ספר־תורות האט ארויסגעגלאנצט א נייע ספר־תורה און א ניי מענטעלע מיט זילבערנע נקודות. אט די דאזיקע ספר־תורה האב איך געשריבן פאר אן עלית־נשמה מיט יארן צוריק, און א זילבערנער ציץ איז געהאנגען אויף איר און אויפן ציץ זענען געווען אויסגראווירט אותיות און די דאזיקע אותיות האבן ארויסגעלויכטן. און כאטש איך בין געשטאנען פונדערווייטנס האב איך געזעען וואס זיי זענען. און א דיקע שנור איז געלעגן אויסגעשפרייט פאר דער ספר־תורה, אז זי זאל זיך נישט אויסגליטשן און אומפאלן.

אויטאמאטיש און פון זיך אליין איז מיר שוואך געווארן דאס הארץ און כ׳האב מיך אוועקגעשטעלט דאזונען ווי יענע, איינגעהילטע אין טלי־תים און אין קיטלען. אפילו מיין מיידעלע, האלב־איינגעדרימלט, האט פון



שלאף ארויס נאכגעזאגט יעדע תפילה מיט אזעלע זיסע ניגונים, וואס קיין שום אויער האט נאך קיינמאל פריער נישט געהאט געהערט.

איך טרייב נישט איבער און דערצייל נישט קיין גוזמאות.

פון עברית איבערזעצט,

**א. אלמוג**

עלא זילבערג

## מיין שטעטעלע

שטעטאלע, מיין שטעטאלע,
ווער וועט נאך דיר בענקען,
ווען מיר וועלן מער ניט זיין,
ווער וועט דיך געדיינקען.

שטעטאלע, מיין שטעטאלע,
מיר האבן דיך פארלארן,
דאס שענסטע וואס מיר האבן פארמאגט
דורך רוצחים אנגעווארן.

ווער דערמאנען ווערט דיין פראכט,
דיין טיפן שטילן לעבן,
כאטש ארום ביסט געווען אין געלט,
נאר רייך אין גייסט און שטרעבן.

ווער ווערט טרינקען פון דיין קוואל
פון די רייכע אידיש קלאנגען,
ווער די שיינקייט ווערט פארשטיין,
פון אידישע געזאנגען.

ביסט פארוואקסן אין מיין הארץ,
נאך דיר איך שטענדיק טרויער,
דיין יעדע גאס, און יעדעס הויז,
מיט ווייטאג איך באדויער.

ווי א שטראל אין ווינטערטאג,
לעבסט אין מיין זכרון,
איך ווייס פון פרייד, און גליק נישט מער
זייט דעם כ׳האב דיך פערלארן.

שטעטאלע, מיין שטעטאלע,
ווער ווערט דיך באַוויינען,
ווען פון אונזער אלטן דור,
בלייבן ווערט מער קיינער.

## פאר מיין ברודער

געדיינקסט דו,
ווי מיר האָבן ניסלעך געקליבן,
אין וועלדל, הינטער די מיל,
און דו האסט מיט כוח,
די צווייגן געשאָקעלט,
געווען ס'איז אַ פרייליכער שפיל.

געדיינקסט דו,
דעם טייך און די בלאָ גרינע לאדקע,
ווי מיר זיינען געשוואומען אין איר,
דו האסט געוואלט,
דעם ים איבערשווימען
צו עפּעסן פון לעבן די טיר.

געדיינקסט דו,
די טעג פון ימים נוראים,
דעם אַ מעט פון הימל און שטוב,
די מאמע פאַרוויינט,
און דער פאטער פארשוויגן,
און שטילקייט אזוי ווי אין גרוב.

געדיינקסט דו,
די טעג פון די קינדערשע יארן,
פון די וואַרימע, ליכטיגע היים,
דיך האט די וועלט,
און די אָרימס גענומען,
נאר איך בין געבליבן אליין.

הערי פאצאנאווסקי

## „ובראש השנה יכּתבון"

„מי יחיה ומי ימות"— —



איז אין גאָטס בוך געשריבן,
פון די זעקס מיליאָן קדושים,
וואס ס'איז קיין זכר געבליבן ?

דעם אש פון די קרעמאטאריעס,
האט אװעקגעטראָגן דער ווינט;
דער איינציקער זכר,
איינמאל אין יאר זעקס ליכט מ'צינדט.

איז דא אַזא פאלק אויף דער וועלט,
וואס אזא חורבן האט ?
דעם „מי ימות" פון די זעקס מיליאָן,
געשריבן טאקע גאָט ?

יאָ, דעם „בראש השנה יכתבון"
מוז יידן מיט געוויין זאגן;
נישט גענוג שרייבערס, פאפיר, טינט,
דעם חורבן צו באקלאגן.

יוסף ווײַנשטײַן

## די באדייטונג פון ראש השנה

„תחילת המועדים ראש השנה" — דער אנפאנג פון די אידישע יום־טובים, איז ראש השנה ווען, ס'קומט אַ ניי אידיש יאר: חז"ל לערנט אונז אז „בריאת העולם בראש השנה" — אין ראש השנה איז די וועלט באשאפן געוואָרן, און אידן ציילן תשל"ז—5737—דאס נייע קומנדיקע יאר, פון בראשית.

ראש השנה ווערט געפייערט דעם ערשטן פון מאנאט תשרי, וועלכער אי־ז'ויט דעם אידישן קאַלענדאַר דער זיבעטער חודש — בעת דער מאנאט „ניסן" איז גערעכנט אלס דער ערשטער, ווי עס איז געשריבן אין שמות, י"ב: „החדש הזה לכם ראש חדשים, ראשון הוא לכם לחדשי השנה": — דער דאָזיקער מאנאט )ניסן) איז דער ערשטער פון די מאנאטן פונעם יאר.

אין סדר „מועד" פון ראש השנה, גיט די „משנה" צו באמערקן אז אינעם אידישן יאר, איז פאראַן פיר־ערליי דאטומס וואס ווערן אנגערופן ראש השנה:

דער ערשטער איז אין חודש ניסן: אין וועלכן ס'ווערט, דעם 15טן פונעם מאנאט, געפייערט דער יום־טוב פסח, אלס אנדיינק פון דער היס־טארישער געשעעניש פון יציאת מצרים, ווי ס'איז געשריבן אין דער תורה: „בחדש הראשון בחמשה עשר יום לחדש הזה חג המצות לה'" — ויקרא, אמור, כ"ג־ו'־ז': אינעם 1טן מאנאט (ניסן) 15 טעג אין חודש, איז דער יום־

טוב פון די מצות (פסח).

**דער צווייטער** איז ראש חודש אלול, און וועלכן עס פלעגן ווערן אײַנגעזאמלט די שטייערן, און דעם אפצאל פון א צענטל, אלס טאקסע אויף די בהמות.

**דער דריטער** איז ראש חודש תשרי, און וועלכן עס ווערט געפייערט ראש השנה. אין תשרי פאנגט־אן דאס ציילן פון די יארן פון זייט בריאת העולם, ווען די וועלט איז באשאפן געווארן. אויך אין חודש תשרי, פאנגען אן צו ווערן גערעכענט די צאל יארן וויפיל א מלך האט געקעניגט. ראש חודש ניסן ווערט גערעכענט בנוגע די שמיטה יארן, און בנוגע דעם יובל־יאר.

**דער פירטער** ראש השנה, איז אין חודש שבט, בשעת עס ווערט געפייערט, דעם 15טן פונעם מאנאט — ט״ו בשבט, דער „ראש השנה לאילנות" — דער נייאר פון די ביימער.

און וויפיל דער איד זאל זיך ניט פרייען ביי זיינע פארשידענע יום־טובים אינעם יאר דאך ווען עס קומט דער יום־טוב ראש השנה, ליגט ביים אידן אין הארצן א הייליקער ציטער, ווי אין תהלים איז געשריבן: „וגילו ברעדה": און זיי וועלן זיך פרייען אין שרעק, ווייל פונעם ערשטן טאג ראש השנה ביז נאך יום־הכפורים ווערן זיי אנגערופן ימים נוראים — פורכטבארע טעג, און וועלכע עס ווערט פאר יעדן איינעם פון אונז אנגעצייכענט אין הימעל זיין גורל פאר דעם צוקונפטיקן יאר. אידן — מענער פרויען — קומען ראש השנה אין די שוהלן, אייסבעטן ביים רבש״ע א גליקלעך יאר: — זכרנו לחיים, דערמאן אונז צום לעבן, מלך חפץ בחיים, דו קעניג 5עלכער באגערסט דאס לעבן, וכתבנו בספר החיים און פארשרייב אונז אינעם בוך פון לעבן — למענך אלקים חיים, ווייל די ביזט א לעבעדיקער גאט!

ראש השנה ווערט אויך אנגערופן יום־הדין, ווען מיר שטייען פאר דעם הימלישן געריכט, ווי מיר זאגן אין „נתנה תוקף" — פון ראש־השנה: „ויאמרו הנה יום הדין": היינט איז דער טאג צו ווערן געמשפט!...

דער איד פייערט אלזא זיין ראש השנה, ניט בלויז אין מאלצייטן און אין טרנקען, נאר אויך תהילות צום בורא עולם, און דורך די הייליקע תהילות פון ראש השנה, און די פייערליכע שטימונג פון די ימים נוראים, טוט זיך דער איד אפגיבן א חשבון־הנפש, א רעכנונג פון זיינע עבירות. פונעם פארגאנגענעם יאר, און טוט בעטן סליחה ביים רבש״ע, ער זאל אים פארצייען זיינע פעלערן און אים אנצייכנען א מזל׳דיק יאר. און שטייענדיק אין די פארכטבארע טעג פון ראש השנה פאר דעם הימלישן געריכט, ווייסן מיר אז גאט ב״ה איז א שופט צדק, ער משפט מיט גערעכטיקייט, ווי מיר זאגן ביים דאווענען: „צדק ומשפט מכון כסאך". דער פונדאמענט פון גאטס טראן איז גערעכטיקייט און ריכטיקייט. אויך איז דער אלמעכטיקער גאט אן „אב הרחמן" — א פאטער וואס האט רחמנות אויף אונז, און א „מוחל עונות" ער פארצייט אונזערע זינד, און ווי מיר לערנען אין „ונתנה תוקף" אז תשובה ותפילה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה" — דורך טאן תשובה, חרטה האבן



איף די שלעכטע באנעמונג, דורך דאווענען און דורך קומען צו הילף א נויטבאדערפטיקן — „זיי"— פארטרייבן דעם שלעכטן אורטייל, און צום נייעם יאר, ווערט דער איד פארעכענט ביים רבש״ע, ווי א ניי געבוירענער מענטש, ווי דער מדרש לערנט אונז: „אמר להם הקב״ה שכיון שנצבתם לדין לפני בראש השנה", און גאט ב״ה האט געזאגט צו די אידן, אזוי ווי איר האט זיך געשטעלט צום געריכט פאר ראש השנה", „ויצאתם בשלום", און איר זענט אדורכגעגאנגען בשלום, און אויך איז אלעס מוחל געווען, „מעלה אני עליכם כאילו נברא אתם בריאה חדשה": זענט איר ביי מיר פארעכענט, ווי ניי געבוירענע!

ראש השנה איז א דערינערונג פונם טאג ווען די וועלט איז באשאפן געווארן, און גאט ב״ה איז געווארן דער מלך איף דער גאנצער וועלט, און דאס שאלן פונעם שופר ראש השנה אין שוהל, די תקיעות, שברים ותרועות וואס דער שופר לאזט הערן, טוט דער איד באשטעטיקן אז דער אלמעכטיקער גאט איז דער „מלך מלכי המלכים", דער קעניג איבער אלע קעניגן, ווי דוד המלך זאגט אין תהלים: קאפיטל 98: „בחצוצרות וקול שופר, הריעו לפני המלך ה'": מיט טראמפייטן און מיט דעם קול פונעם שופר, לאזט זיך הערן פאר גאט, דעם קעניג! און אין קאפ. 47 זינגט דוד המלך: „עלה אלקים בתרועה, ה' בקול שופר": גאט ב״ה האט ארויפגעשטיגן מיט דעם שאלען, זיך דערהייבן ביים קול פונעם שופר! דער שופר דערמאנט אונז אויך, ווען די אידן האבן באקומען דורך גאט ב״ה, אין מדבר, ביים בארג סיני דורך די הענט פון משה רבינו די תורה הקדושה, דער גרעסטער אוצר וואס געפינט זיך איף דער וועלט. דאן איז געהערט געווארן דאס בלאזן פונעם שופר: „וקול שופר הולך וחזק מאד" שמות, יתרו, י״ט־ט״ז:— און דאס קול פונעם שופר האט זיך געלאזט הערן שטארקער און שטארקער!

אויך, אינעם יאר 1967, ווען אונזערע מהבייער, דאס גראאיש אידיש ווייטער, האט באפרייט אונזער הייליקע שטאט „ירושלים" פון די שמוציקע לאפעס פונעם בלוטיקן פארכאפער איז אויך דאן ביים „כותל מערבי" געבלאזן געווארן **שופר**, אלס לויב און דאנק דעם בורא עולם פאר דעם גרויסן נצחון איבער דעם בארבארישן שונא!

מיט דער האפנונג צו הערן איה״ש — ובמהרה בימינו — דאס בלאזן „שופר של משיח", וינטשן מיר אלע אידן בכל מקום שהם שם, א שנה טובה ובריאה, מיט ברכה והצלחה ואריכות ימים, ושלום על ישראל, אמן!

## די פיר שותפים!...

(א ויכוח צווישן די ארבע מינים — „לכבוד סוכות")

געשטרעקט און שטאלץ, האט דער לולב באטראכט מיט פאראכטונג די צוויי שותפים וואס מ׳האט אים צוגעשטעלט: די הדסים און די ערבות... מ׳וואלט זאגן אז דאס חבר׳ן זיך מיט די שכנים, פארשאפט אים גרויס אומ־

כבוד . . . אין דערנעבן איז געלעגן אין א פושקע, אין קלאטשע איינגעהילט
שטיל און רואיק, דער פערטער שותף: דער אתרוג!. . .

באמערקנדיק אז די הדסים און די ערבות קימערן זיך גאר וועניק פון זיין עגמת־נפש, האט דער לולב צו זיי א זאג געטאן: — וואס פאר אן אינגליקלעכער צופאל האט אונז דא צוזאמענגעבראכט . . . — באמת, זאל ניט געווען זיין דער ווילן פונם בורא עולם אונז צוזאמפירן, בין איך שטארק אין ספק אויב מיר וואלטן געהאט א געלעגנהייט אפילו זיך צו באגעגנען . . . איך געהער צום גרויסן ווירדיקן טייטלבוים, וואס גיבט זיסע פרוכט, בשעת איר זענט ניט מער ווי ארעמע אנבאדייטנדער צווייגלעך: איינער א פראסט הדרל, און דער אנדערער א וויינענדיקע ווערבע, פשוטע צווייגן פון ערבות וואס וואקסן ווילד ביי די וואסערן . . . א גליק וואס ביים בענטשן אתרוג, איז מיין נאמען בפירוש דערמאנט: „על נטילת לולב“. . . ווען ניט, וואסערער מארטירער וואלט פאר מיר זיין זיך צו געפינען אין אייער געזעלשאפט!. . .

דא, איז דער הדס־צווייגל, אויפגערעגט, ארויס מיט לשון: גיב נאר א קוק דעם אנשטעל פונעם איינגעבילדעטן טייט־צווייג!. . . אמת, דיין ביים טראגט אויף זיך פרוכט, זאלסט אבער ניט מיינען אז דו ביזט אין גאנצן אן פעלער . . . ביזט לאנג, דאר און טרוקן, ממש א דראנג, אן טעם און קיין שום ריח . . . קענסטו, אבער, פארלייקענען דעם גוטן ריח פון מיינע בלעטלעך? אלע האבן גערן דעם אנגענעמען גערוך וואס מיינע צווייגן גיבן ארויס . . .

דאס ערבה־צווייגל האט אלעס אויסגעהערט, און איין ווארט ניט ארויסגערעדט . . . ווארום, באמת, מיט וואס קענען די ערבה־בלעטלעך זיך באַרימען?. . ניט קיין שיינע און קיין ריח. פלוצים האבן די ערבה־צווייגלעך זיך דערמאנט, אז זיי האבן אויך מיט וואס צו שטאלצירן, און זיי האבן אויסגעשריגן: — וואס פאר א הויכע מיינונג האט איר ביידע — פון זיך . . . פארגעסט אבער ניט, אז באלד נאך חול־המועד סוכות, ווערט איר גלייך אויס „תקיף“, מ׳וועט פשוט אייך פארווארפן אויף דער סוכה און איר וועט אייבן פארוויאנעט ווערן . . . בשעת מיר, די ערבה־צווייגן וועלן אפילו אין געצערטעלט ווערן, ווארעם אט קומט „הושענא־רבה“, וועלן מיר זיך געפונען אייבן־אן אין שוהל, און יעדער איד וועט מיט כבוד אונז נעמען אין האנט ביים בענטשן הושענות . . .

— ריכטיק! — האט געענטפערט דער לולב מיט איראניע — אבער וואסער סוף איז פאר דיר צוגעגרייט?. . . מ׳וועט מיט דיר אזוי שטארק קלאפן אין די סטענדערס, ביז די . . . נשמה וועט ביי דיר ארויס: ס׳וועט פון דיר ניט בלייבן קיין שריד ופליט . . . — מיט דערמיט זענען מיר טאקע שטאלץ! — האט אפגעענטפערט די ערבות־צווייגן — וואס מיר וועלן האבן די זכיה מקריב זיין אונזער לעבן, לטובת די הייליקע מצוה פון בענטשן הושענות, וועלכע איז געגעבן געווארן די אידן נאך אין די צייטן פון די נביאים . . . — דא, האט דער אתרוג מער ניט געקענט שווייגן ער איז



ארויסגעשפרונגען פון זיין פושקע און אויסגעשריגן: — איר וועט סוף סוף אויפהערן דא זיך צו אמפערן? און נאר לויבן אייערע מעלות? ווייסט איר דען ניט אז יעדער איינער אויף דער וועלט האט זיינע מעלות ווי אויך זיינע חסרונות?. . . אייער גרויסער פעלער איז, וואס איר זעט נאר אייערע מעלות, אבער ווען ס׳האנדלט זיך בנוגע א צווייטן, געפינט איר נאר זיינע חסרונות, און דאס וואלט באדארפט זיין דער היפך . . . וויסן די אייגענע פעלערן און זוכן זיך צו פארבעסערן . . . און ביים אנדערן זעען נאר זיינע מעלות, דאמאלס — גלויבט מיר, וואלט דאס לעבן פיל פארלייכטערט געווארן — זענען מיר — „פיר“ — פארשיידענע פלאנצן דא פאראייניקט דורך דעם ווילן פונעם בורא עולם: דאס איז א „רמז“ אז צווישן אונז דארף הערשן שלום און אחדות, ליבע איינער צום אנדערן, און נאר דאן וועלן מיר זוכה זיין צו ווערן געבענטשט, און אידן וועלן אויף אונז — אלע ארבע מינים — מאכן א ברכה, לויבן און דאנקן הקב״ה, און אויסבעטן ביים ליבן גאט ב״ה א גוט קוויטל צום נייעם יאר: אמן — כן יהי רצון.

א. נ. שטענצל

## מיין ערשטע נאכט אין ווייטשעפל

ווי ס׳פלעגט אמאל אויספאלן אין יענע לאנדאנער „פאגע“־טעג א דעצעמבער־טאג שענער ווי דער שענסטער פרילינג־טאג, אזא איז געווען דער 18טער דעצעמבער, 1936, און ער האט זיך געצויגן אזוי ביז אין דער שקיעה־שעה אריין און דעמלט איז עס ערשט גאר וואונדערלעך געווארן: ארויסקומענדיק פון „לייאנס“ וואו מאריס מייער האט אונז מכבד געווען מיט אן „עקסטרע“ טעפעלע קאווע און הינטן, און „אלדגייט“ שטייט א וואונדערלעך זון, און ערשט אריבערגעקומענע פון דער טעמזע, אקארשט א געבאדענע און פריש געצוואגענע, שרייט אויס דער מאלער אלווא, א פריילעך־בגילופנדיקער, ממש ווי ער וואלט אליה־הנביאן דערזען: „דיוויד!“ און אקייגנאיבער אונז אויף דער ברייטער ווייטשעפלער פאטשענע קומט דער באקאנטער לאנדאנער מאלער דוד באמבערג: צוגיין, אזויווי מיר זאלבע זעקס און דער ברייט, מיט זיין לאכענדיקער פרוי און פיר טעכטערלעך. און מיר זוכן ווידער־אויף א פריש קאפעע, וואו מ׳קאן ווייטער „פארטזעצן“ און פייערן אונזער היינטיקן יום־טוב —

איך האב ממש געפילט אז ס׳איז ביי אלע היינט א פריילעכער טאג צום געשעניש פון מיין באקומען דעם „אויפנטהאלט“ אין ענגלאנד — „אויב דו האסט נאר די וויזע פארלענגערט, וועל איך שוין זען, אז דו זאלסט בלייבן מיט אונז א תושב:“ האט אויסגעשריגן באמבערג.

איך האב שוין מיין האטעל־צימערל ניט געהאט ווייל ס׳איז נאר געווען געדונגען אויף די דרייסיק טאג, וואס איך האב געהאט א רעכט צו זיין אין ענגלאנד. מיין געפאקט קאפערל איז אבער נאך געבליבן אין מיין צימערל.

זיינען מיר שוין טאקע געבליבן זיצן אזוי אין קאפעע ביזגל נאך האלבער נאכט.

כטוב לב המלך, האב איך ארויסגענומען פון בוזעם־טאש מיינע פאפירלעך מיטן גרעסערן עסיי איבער דער ענגלישער מאלעריי (—1938—איז עס דערשינען ווי אן עקסטרע ביכל „איבער אייראפעאישער קונסט)—און עס פארגעלעזן; איז דאך צווישן חברה דא איצט די צוויי באקאנטע מאלער, באמבערג און אלווא, און זאל מען אורטיילן צי כ׳בין טאקע ווערט דעם אייפנטהאלט אין מלכות ענגלאנד.

וויאזוי כ׳בין געקומען אויפן געדאנק צו בעטן א וויזע קיין ענגלאנד אויפן סמך צו שרייבן אן עסיי איבער ענגלישער מאלעריי איז מסתם געווען וויל צווישן מיינע ארטיקלען, געשריבן און גדרוקט אין דייטשלאנד, איז געווען א דריי־פיר אויך איבער מאלעריי. און צו מאקס ליבערמאנס אכציק־יאריקן יובל האב איך באקומען א בריוו פון נחמן מייזעל צו שרייבן אן ארטיקל איבער ליבערמאנען און עס איז געווען בשעתו געדרוקט אויף דער ערשטער זייט פון די „ליטערארישע בלעטער״.

א סעריע לידער, געדרוקט אין א ווילנער זשורנאל, „די יידישע וועלט״ מיטן קעפל „שטיל לעבנס״ האט דאך עס אויך א שייכות צו מאלעריי; מיין ארטיקל „איבער קינדער־מאלעריי״ איז געווען געדרוקט אין ליטעראטור אין דייטשער איבערזעצונג פון ע. וועלער; אליין א צייכן־לערערין אין א דייטשער וועלטלעכער פאלקס־שולע.

בינו־לבינו איז די שעה שוין געווארן קרוב צו צוועלף. די פאר שעה ביז פארטאג וואלטן מיר שוין געקענט דערשלעפן אין א נאכט־קאפעע, אבער די שלעפעריקע קינדער פון די באמבערגס —

באמבערג האט מיר געגעבן זיין טעלעפאן־נומער, כ׳זאל אים אין דער פרי אנקלינגען — ער האט עפעס געוואוסט פון א גוט צימער ביי א בריסקער משפחה. די עלטערע טאכטער איז א קינסטלערין, א מאלערין, זיי קענען אלע ריידן יידיש. כ׳וועל זיין ווי אין דער היים — יא, אין קאנסטעבעלס היים: דאס צימער איז אויפן „העמסטעד היט״.

קריסטאבעל פאולער און איך זיינען צוגעפארן צום האטעל און אזוי ווי זי האט שוין געמיזט זיין כמעט ביי איר ארבעט אין ליווערפול, האבן מיר שוין די צוויי־דריי שעה פארברענגט אין רעסטאראן אויף דער ליווערפילסטאציע ביז איר צוג איז אפגעפארן.

ביים געזעגענען זיך האב איך איר געגעבן דעם שווערן גאלדענעם מענער־רינג. זי האט אים צוגעזוימען זעלבסטפארשטענדלעך, און שום מינע נישט, חלילה, פאר טרחה אדער קאסטן וואס ס׳האט זי מסתם, אויך געקאסט דורך דער צייט דא: דאס אהערקומען איינציקע מאל פון ליווערפול און אזוי ווייטער — א מתנה פון אן אייגענעם.

אין דער עיקר דער פאר־אנגענער, פריילעכער טאג און די חברישע סביבה אין די לעצטע פאר שעה.



די וואוינונג, וואס באמבערג האט מיר „פארמיטלט״ איז טאקע געווען וואו די גרויסע ענגלישע מאלער־מייסטערס האבן געלעבט און געשאפן, אבער איך האב קיין שום פארבינדונג נישט געפונען, דרייענדיק מיך אויף די גרינע סטעשקעס ארויף און אראפ די בערג, ציטערנדיקע אינמיטן הרהא פון דער געוואלטיק־צערוישטער שטאט. ארויסקומענדיק אויפן „היט״ און דערזעענדיק דעם וואונדערלעכן ארום, האב איך דאך אנגעשריבן א לידל. איז עס פארלוירן געגאנגען מיט צענדליקער אנדערע, געשריבן אין יענע טעג. דאס לידל איבערן „היט״ האט דאך געהאט א שטיקל מזל און איז געבליבן אין ענגלישער איבערזעצונג אין יוסף לעפטוויטשעס זאמלונג „דהי גאלדען פיקאק״ — „די גאלדענע פאווע״.

אין טאג ביים אנבייסן, איך קום אראפ פון מיין צימער, ווי יעדן פריימארגן, די גאנצע משפחה זיצט ביים געדעקטן טיש. איך זעץ מיך אויף מיין בענקל. מ׳שמועסט וועטער . . . אפגערעסן מ׳שטעלט זיך אויף, יעדער גייט צו זיין ארבעט. איך זע אן ענגלישע צייטונג אויפן בעל־הבית בענקל אויבנאן — איך קען טאקע קיין ווארט ענגליש נישט, אבער די ווערטער מיט לאטיינישע אותיות אין קעפל קאן איך דאך אדורכלייענען: „פאגראם אין בריסק״.

בשעת כ׳האב מיך געוואלט דערגריבלען אין די ווייטערדיקע ווערטער אין דער נאטיץ, האט די בעל־הביתטע אראפגענומען פון טיש. דערזעען, אז איך מוטשע מיך מיטן דורכלייענען, האט זי עס מיר אדורכגעלייענט און מיר עס איבערזעצט אויף א מין לאכנדיקן, דייטשמערישן „זשארגאן״.

איך בין שטיל ארויסגעגאנגען, ארויף אין מיין צימער אריין, געפאקט דאס רענצל, אראפגעקומען און געפרעגט וויפל איך מוז באצאלן פאר דער וואך וואוינענדיק דא.

זי האט מיך אנגעקוקט, מער דערשראקן ווי פארוואונדערט: זיי האבן נישט קיין צימערן „טו לעט״ . . . מיט אויפגעהייבענעם, רויט־צעפלאמטן קאפ איז די פרוי אריין אין צווייטן צימער, הינטער זיך פארקלאפט די טיר.

איך בין שטיל ארויס, ממש אויף די שפיץ־פינגער: אויב דא אין די שיינע צימערן, אויף דער וואונדערלעכער נאטור, א בריסקער משפחה קאן זיך באנעמען אויף אזא „נאטירלעכן״ אופן, ווען זיי לייענען אין די „טיימס״ א פאגראם אין בריסק, מעג זיך די בעל־הביתטע צעכעסן וואס א „פארענער״ באנעמט זיך אזוי . . . דאס באצאלן פאר דער וואך וועל איך נאך היינט דערליידיקן דורך דוד באמבערג; און בין מיר מיט מיין רענצל שטיל אראפ דורך דעם פארנעמען ארויסגאנג, ארויסקומענדיק אויף דער פרייער גאס, טיף אויסגעאטעמט, צוגעוואונקען א „טאקסי״ און געזאגט: „ווייטשעפל״.

דער טאקסי־פירער האט זיך אויסגעדרייט צו מיר, גערעדט עפעס: מסתם וואו ווייטשעפל? ווייטשעפל איז דאך א גאנצער „דיסטריקט״.

איך, אין מיינע מחשבות, האב א מאך געטון מיט דער האנט: „ווייטשעפל״, און ווייטער געבליבן אין מיין איבערעגעניש.

עפנט זיך, נאך א ווייל, דאס פענסטערל און ער קוקט מיך שארף אן:

„איר רעדט יידיש? דאס איז ווייטשעפל: אריין אלץ מער אין מיין איינ־רעגונג איז מיין צורה מסתם געווארן אלץ יידישלעכער . . .

די פאר ווערטער האבן מיך ממש מחיה געווען, אינגאנצן מיך אויפגעוועקט פון דער איינרעגונג.

כ'האב געזאגט, אז כ'זוך א צימער. „גייט אריין אין ערשטן בעסטן געסל, מסתם וועלן מיר עפעס געפינען".

מיר האבן דערזען א צעטל אויף יידיש אין א פענסטער: „דא איז צו פארדינגען א שטוב".

איך האב אנגעקלאפט. א יידענע אין א שייטל איז ארויסגעקומען, געוויזן מיר אויפן ערשטן שטאק א גרויסע, לאנגע שטוב כמעט א ליידיקע, מיט א בעט אין א ווינקל. עס איז מיר געפעלן און אן דינגעניש באצאלט די פינף שילינג פאר דער וואך און געפרעגט וואו דא געפינט זיך די פאליציי. און מיט דער זעלבער טאקסי בין צוגעפארן מיך איינצומעלדן.

ווען כ'בין צוריקגעקומען עס איז שוין געווען בין־השמשות, האב איך פונם פענסטער ארויס געהערט מעביר סדרה זיין. אנקלאפנדיק אין דער טיר, איז דאס קול שטיל געווארן און א בכבודיקער ייד, שבתדיק אנגעטון, מיט א שטריימל אויפן קאפ, האט מיר געעפנט:

„איר זענט דאך דער יונגערמאן מסתם, וואס האט דא געדונגען די שטוב. די רביצין האט מיר שוין געזאגט. דעם שליסל וועל איך אייך אבער ערשט געבן מוצאי־שבת, ווייל שבת טאר מען גארנישט ארויסטראגן מפתח ביתו" — א בפירושער פסוק.

די זאך האט מיר גאר א גרויסע הנאה געטון. אויב אין ווייטשעפל זיינען נאך פאראן אזעלכע רבנים — האט שוין געלוינט דאס גאנצע עסק.

די רביצין איז איילִיק־צעפלאמט צוגעקומען צו דער טיר, שבתדיק אנגעטון, היימיש באלבאטיש, מסתם פארן ליכט־בענטשן, זיך געוואלט אנטשולדיקן פארן עגטפערן. איך האב פארויס געכאפט: „אייער חשובער מאן דער רבי, האט מיר שוין אלץ קלאר דערקלערט."

אוועקגייענדיק פון דער טיר הנאהדיק־פארטראכט, האט מיך נאכגעיאגט דאס זינגענדיקע שתים מקרא ואחד תרגום. עפעס אזוי ווי א מין גייסטיקע פארגיטיגונג פאר דעם טרויעריקן געשעעניש היינט אין דער פרי.

איך האב מיך געלאזט אייפזוכמן די וואוינונג פון באמבערג, כדי דורך זיין שליחות צו דערליידיקן דעם חוב פון דער פארגאנגענער וואך דירה־געלט.

ארויסקומענדיק פון די באמבערגס און געזען דעם מנוחהדיק און רחבותדיקן געגיי פונם שבתדיק אנגעטוענעם עולם נאך א שבתדיקער געשמאקער סעודה איבער דער ברייטער ווייטשעפלער פאטשענע מיט שלוהדיק טריט און דאס אריבערוואַרפנדיק זיך יידישלעך מיט ברייטן „גוט־שבת" און דאס הויכע גערייד פון פארל צו פארל, בין איך אריין אין דער מיט ווי אין א ראד טאנץ אויף א שמחה. און יעדעס דריטע פענסטער איז געווען א ציקערניע



מיט רוישנדיקער לימענאדע און פינקלדיקע גלעזער, יעדע פינפטע טיר אן אפן צערוישט רעסטאראנדל און דאס האט זיך אזוי געצויגן, פונם מיילענד־גאס אויבן ביז אראפ צו אלדגייט ביזגל נאך האלבע נאכט.

איך בין שוין די נאכט אין מיין רחבותדיק צימער נישט געשלאפן!: — צוריקקומענדיק אן דעם שליסל צו מיין נייער דירה, איז שוין געווען פינסטער אין אלע פענסטער. אויפוועקן א ווייטשעפלער רב אדער א רביצין שבת נאך האלבער נאכט, האב איך קיין הארץ נישט געהאט.

אנטרעפנדיק א מענטש אין גאס, פרעגנדיק אים צי דא איז ערגעץ דא א האטעל אדער א ביליקע אכסניא, האט ער מיך צוגעפירט צום „ראוטן האוז".

אזוי בין איך מיין ערשטע נאכט אין ווייטשעפל געשלאפן אין „ראוטן האוז".

## ט' טפחים טיף
(פינאלן)

צי מוז מען דען ערשט שטארבן,
צי ליגן אין דער ערד נײַן־
טפחים אין דער אדמה?
מ'קאן עס דאך ביים לעבן זיין.

גיין ארום, זיין אומעטום,
גלאצן און גארנישט נישט זען,
אהיימקומען, נישט וויסן,
נישט געדענקן ווו געווען?

דאכט זיך געוואלט פארשרייבן,
עפעס וויכטיקס אויף דער גיך,
אז פרעג מיך בחרם וואס — —
אפשר ס'איז דאס, דערמאנט זיך:

אז וואס טויג נאנטער מענטש נאך,
מ'קאן דאך וואסן זיך אליין,
גאנצע טעג ריידן מיט זיך,
און אייגענער שונא זיין.

* * *

ערגעץ ווייט צווישן בערג
כאטש דרויסן דא ביים ים
דער געדוך פון גאס דא
פון שטאט דער טאוואראם.

ס׳פליען אייבן כסדר
ס׳רוישן איבערן קאפ
ווייט וואהין איך פלי
און כ׳פאל אין ים אראפ.

צי גאר אנגעשטויסן
אין א פעלזיקער וואנט,
איינגעדרומלט איף שטיל
פאלט מיר ס׳בוך פון דער האנט.

יוו כ׳האלט שירה זייטל?
טרעף געפין אויס גיי ווייס
אז איך געדענק שוין נישט
אפילו ווי איך הייס.

° ° °

„אל תשליכנו לעת זקנה"
אין ווייבער־שול דעמאלט דאס געוויין;
האט טאטע מיר יידישלעך געטייטשט:
אין דער אלטקייט ווארף מיר נישט אריין.

פאמעלעך, ביסלעכווייז אלט ווערן,
מ׳קאן נאך האבן א פאר גוטע יאר:
אבער ראפטים אזוי, איף איינמאל,
אן אלטער זקן מען ווערט אין גאר.

אין קיין ספר קוק נישט מער אריין;
אינם שטיבל קאנסטו נישט מער גיין;
„אל תשליכנו לעת זקנה" —
ווארף מיך אין דער זקנה נישט אריין.

° ° °

ווי מיט צעקניטשטן שטערן,
שווימט די זון אינם טייך
אין די לבנה אין די נעכט —
גאנץ אויפגעציטערטע בלייך.

וויאגענדיק שיטן זיך בלעטלעך,
זיי פליען עס דאכט זיך זיי,
פייגל אנצוקומען ערגעץ,
וו זון איז איצט אין פארזיי.



די טרויער פארהילטע ווערבע,
סמוטנע אבער קוקט זיך צו:
ווי פון א ווירבל פארשלעפטע,
זיי פארקומען ערגעץ וו.

° ° °

. . זיי וועלן צוריקקומען די פייגל,
איב נישט זיי — איז זייערע פייגעלעך,
צומאל פון זידיק הייסע טרערן,
וואשן זיך ליכטיק אויס די אייגעלעך.

ווי נאר צו יענע געפאנגענע איז,
טיף געפאלענע אין די שטייגעלעך,
וואס צומאל שוין אז זיי צעזינגען זיך,
ס׳איז געביק פאר לעכער פון בייגעלעך.

° ° °

איסגעריסן וואלגערן זיך וועלק־בלעטער —
שמות פון א מחזור, פון א סידור;
פון צווייג צו צווייג קיין צארט־זיסער ניגון־צוויטש —
טויט דער ארום — פארשוויגן אן לידער.

א צויטן־צעפליקטער טלית דער הימל,
וויאזוי אין אים זיך איינהילן קענען?
אן אויסגעלאשענער הענגלייכטער די נאכט,
אז איין נשמה־ליכט זאל כאטש ברענען.

אליידיקער הימל ארום און ארום,
אז פינקלען ס׳זאל אן איינציקער שטערן!
שטאק־פינסטער ס׳ציט זיך א חשכותדיקע נאכט,
אן בלישטש פון טוי־טרייסטנדיקע טרערן.

אויסגעגאנגען ס׳וואלט הארץ פון מרה־שחורה,
נעמט א פייגל זינגען מיצקע־דרינען —
א פארבלאנדזשעטער, א טרויריק־פארבענקטער,
און טרער נאך טרער ליכט־טריפנדיק רינען.

° ° °

„די פיש אין וואסער ציטערן", פלעגט מען זאגן
ווען געקומען ס׳זיינען די ימים־נוראים־טעג;
א קינד כ׳האב עס ממש מיט די אויגן געזען,

ווען ביי תשליך־זאגן מיר זיינען געשטאנען,
אין דער היים אין שטעטל אונזערן ביים טייכל־ברעג.

אונאיצט ווי ציטערט עס מיין איפגעצאפלט הארץ,
ווען איך שטיי טיף געבויגן שוין ביי מיין לעבנסבברעג:
ווי איך שפיר דאס דאס גערונצל איבער מיין לייב —
עס גייט מיט קאלטבלוטיקן, בייזן שוידער שוין,
ווי דער ווינט, ווילד צווישן געצווייג אין די ווינטרע־טעג.

° ° °

1

שענער ווי א זון־איפגיי,
א שיינע שקיעה קאן זיין,
און ווי וווּנדערלעך אמאל,
א טאג גאנץ שוין אן זון־שיין —

ליכטיקייט אין הארץ טראגן,
פארבארגן פון זיך אליין — —
איז נישט פון פאלטש געלעכטער,
א סך בעסער וואר געווין?

גייט זון אויף גייט זי אונטער
וואס איפגיין, וואס אונטערגיין
אליין בלויז אויף גלייכן וועג
אינמיטן גאנג מבלייבט שטיין.

2

וואס געזאנג, וואס געווין,
מ׳קאן זיך צעלאכן פון פיין,
און פון פרייד צוזאמענברעכן — —
אז ווער קאן דאס אלץ פארשטיין?

ווי א הונט עס צעגריזשעט,
צווישן זיינע ציין א ביין,
אזוי זיך אליין גריזשען
קען מען מיט אייגענע ציין.

און אין הארץ א ליכט גייט אויף,
קלאר געטובלט, טויאיק־ריין;
שטראל־צעשטראלטער זון־איפגיין
הימליש צעפונקלטער חן.



א הונט אויף אלע פיר צו קריכן,
צ קראנק פייגעלע זיין און פישטשען,
אין אלצ׳ינג מגולגל צו ווערן;
מזומן כ׳בין און בין מוכן.

נאר נישט אין א מענטש, א בן־אדם,
וואס האלט רק אין איין איכן, איכן;
גרייט יעדע רגע איינס ס׳אנדערע
הרגענען און רעדט רק פון משיחן.

° ° °

אויב אביימל אויף מיין קבר וואקסן?
אז ווערזשע זאל עס דען פארפלאנצן?
אבער אז א גרעזל דערויף בליען,
די זון פריידיק אקייגנטאנצן.

אז עס וועט טאנצן, וועט עס דאך זינגען —
מינדסט בריאלע האט דאך וויין ניגון!
אויב נישט א פייגעלע, זיין כאטש א גריל . . .
און גורלדיק רואיג מיר ליגן.

אז גרילעכלעך גרילן נאך איצט, וועט דאך
שוואלב אודאי טשוויטשערן ווידער — —
און נישט נאר איבער פארלאזטן קבר,
גארער ערד צעשטראלן מיט לידער.

וועל איך מיר ווי ביים לעבן פונקט ליגן,
עליו־השלום־איסגעצויגן — —
מיט דעם אונטערשיד בלויז, איך וועל צומאל,
קיין פינטל נישט טון מיט די אויגן . . .

° ° °

ווי ווייל וואס הימל איז שווארץ, וואלקן־פארוועלקט,
נישט די לבנה און קיין איינציקער שטערן,
אז נישט ארויסלייענען פון זיי מען קען,
וואס אויף אונזער פינסטערן ערד־קיול ס׳גייט ווערן.

דער „גרויסער בער״ ווי געלויערט דאס נאכט
און דער ״וואגן„ — ס׳איז דאך א מוזים־ארון!
דאס מלחמה־העצן, ס׳כלי־זיין גרייטן,
אז ווילכעס פאלק נישט געווינט — דער מענטש פארלארן.

אז ס'גאנצע טראכטן און טון פון אים רק איז
איינס־ס'אנדערע אויסצומארדן, אויסצוראטן,
שעמט זיך לבנה מענטש מאסקע צו זיין צו־
מאל, מיט אויסגעגראטשע אויגן איר נאכט שאטן.

* * *

בין איך שטיל איינגעשלאפן,
געשעפטש, געפלעטשער אין טרוים?
געכוואליע אויף דער וואך וואר,
פארשוואומען, איך הער קוים?

אינם געברויז פון לעבן,
יעטוועדער א בלעזל־שוים;
אויסהאלטן בלויז ביז ס'צעפלאצט —
„ישב בדד וידום".

ס'נעסטל צעשטייבטע ביים ברעג
באוויינט שטיל דער ווערבע־בוים:
פויגל אקארשט געזונגען,
פארזונקען אין טיפן תהום.

## און צום סוף פון אלע אין־סופן

„כי נחמתי כי עשיתים" — בראשית ו. ז.

אז „על כרחך אתה נולד,"
„על כרחך אתה מת",
און פאר אן אקרייטשיק לחם,
אפגיין אין קאלטן שוויס —

בלויז צו לוינט רק גאנצער עסק,
מיט ביטערדיקסטן פלייס,
פון דער האנט אין מויל אריין,
מיט קארג', צו פעטסטן שפייז?

טא צו וואס נוצט דאס גאנצע שפיל?
גיי באגרייף עס, גיי ווייס — —
באמת, אז איך זאל אזוי
וויסן פון אלדעס־ביין.

א חוץ, אז א גאט ס'איז פאראן,
זיין ס'זאל מענטש זיין באוויין — —
און אפשר, אז ער אליין גאר,
קאן אויך מאכן א גריין?

## דיין יחזקאל אבראמסקי זצ"ל

הרה"ג ר' יחזקאל אבראמסקי ווייטשעפּעלער דיין, איז נפטר געווארן אין ירושלים. ער האט געהערט צו די גדולי־התלמוד פון איצטיקן דור. זיין תלמיד־חכם צורה האט ארויסגערופן דרך־ארץ ביי יעדן, וואס האט אים געזען און נאך מער ביי די, וואס האבן אים נענטער געקענט.



ווען ער פלעגט אהערגיין די ווייטשעפּעלער גאס צו זיינע שיעורים, צום בית־דין, איז נישט איינער געבליבן שטיין אים נאכקוקנדיק, דעם אייליק־שטאלצן, פארטראכטן גאנג.

איידער ער איז אהערגעקומען פאר איבער פערציק יאר צוריק, איז ער שוין געווען א ראש־אב־בית־דין און בארימטער רב אין נישט איין גרויסער יידישער מזרח־איראפעאישער שטאט.

איינמאל ביי עפעס א פייערלעכקייט האב איך אים געהערט, אין דער „עץ־חיים"־ישיבה, בריק־ליין, זאגן א שיעור — די ערשטע משנה אין נדרים מיטן ר"ן — עס איז נישט געווען יענער פלפול, קלעטערנדיק אויף כותלי בית־המדרש — ס'איז געווען א שטיין מיט ביידע פיס אויפן „תולה ארץ על בלימה".

דער גדול אין תלמוד איז אויך געווען גרויס באהאוונט אין ביידע אונזערע ליטעראטורן און ליב געהאט זיך א שפיל צו טון מיט מבינות איבער א שרייבער, איבער א פאעט.

ביי א מחלוקה דא אין יענע יארן — ווען ווייטשעפּל איז נאך געווען ווייטשעפּל, איז ער געשטאנען אויפן שטאנדפונקט, אז גמרא מוז מען לערנען אויף יידיש. — א צווייטמאל, אי"ה, מער איבער יענעם ענין —

די פאר שורות זיינען נישט קיין הספד ווייל וויפל נישט ציען ווייטער די פאר שורות וועט אלץ זיין „שלא כהלכה". אבער מיטן גאנצן אמת מעג מען אויף דעם נפטר זאגן: „חבל על דאבדין ולא משתכחין".

*ש.*

## מאיר גערטנער ז"ל

דער מאיר גערטנער איז אוועקגענומען געווארן פון אונז פאר דער צייט. ער איז טאקע געווען ניט געזונט, אבער ער איז געווען פיל מיט פלענער, און האט נאך געחלומט צו שרייבן א פאר ביכער. די וועגן פון רבונו־של־עולם קענען מיר ניט פארשטיין...

עס זיינען ניט פאראן קיין אומדערזעצבארע מענטשן, אבער דער טויט פון מאיר גערטנער לאזט איבער א ליידיקן פלאץ אין אונזער לעבן און איז א ריס אין הארצן. „לשון און לעבן" האט פארלארן איינעם פון אירע בעסטע מיטארבעטער, וועלכער קען ניט דערזעצט ווערן.

תלמידי־חכמים האבן מיר נאך ברוך־השם, בעיקר אין ירושלים און בני־ברק, אבער אפילו אויך אין לאנדאן און ניו יארק. געלערנטע האבן מיר אויך אין ישראל און אין גלות. מענטשן פון ביידע קולטורן האבן מיר זייער ווייניק, און זייער צאל ווערט כסדר קלענער. זיי לעשן זיך אויס ווי שטערן פאר קאיאר, לויט ביאליקס אומפארגעסליכע שורה — ככוכבים לפני שחר.

מאיר איז געווען א תלמיד־חכם און אן מאדערנער, מעריבדיקער געלערנטער אין דער זעלבער צייט. אין אונזער קולטור האט ער באהערשט אלץ,

פון „בראשית ברא“ ביזן לעצטן העברייאישן דיכטער, וועלכער שרייבט אין עניגמאטישע ווייסע פערזן. אין דער אייראפּייאישער קולטור האט ער געהאט ברייטע ידיעות אין דער דייטשער און ענגלישער ליטעראטור און איז געווען אין הערהיים אין דער מעריבדיקער ציווילוזאציע.ביידע קולטורן האבן גע־לעבט בשלום אין זיין פערזאן און געהאלפן איינע דער אנדערער אין א לאנגיאריקער טעטיקייט אלס דערציער און וועגווייזער.

ער האט באוויזן נאך עפעס: זיין איינציקער זון, דוד יותם, איז געבוירן געווארן און אויסגעוואקסן אין לאנדאן דאך קען ער העברייאיש און יידיש און איז א גאנצער ייד. מאיר האט מקיים געווען „ושננתם לבניך“ הלכה למעשה.

ער איז געשטארבן עטלעכע וואכן נאכן טויט פון זיין ברודער לוי, אויך א תלמיד־חכם און א בויער פון יידישע שולן און העברייאישע סעמינארן. עוד זה מדבר וזה בא, און מיר פילן זיך אלע ווי די שארית הפליטה פון א דור — היינט מער ווי אלעמאל . . .

## שמואל גאלדשמידט

## מילי טשיזשיק ע.ה.

די באליבטע שוישפילערין מילי טשיזשיק איז געשטארבן אין עלטער פון 97 יאר און מיט דעם איז איבערגעריסן געווארן דער לעצטער פאדים מיטן אמאליקן יידישן לאנדאנער פאווילאן טעאטער. צווישן די וועטעראנען וועלכע האבן געשאפן דעם פונדאמענט פון דעם פראפעסיאנעלן יידישן טעא־טער אין לאנדאן, האט מילי טשיזשיק פארנומען א בכבוד פלאץ, ווייל זי איז געווען אלזייטיק טאלענטירט. קאמעדיעס, דראמעס, אפילו גאלדפאדען׳ס היס־טארישע אפערעטעס, האבן מילי טשיזשיק געגעבן א געלעגנהייט צו שיינען צוליב איר שיינע שטימע, דיקציע און די הויפט זאך: טאלענט. ווען דער באַ־רימטער רעזשיסער קאמיסארזשעווסקי האט אויפגעפירט די ענגלישע פאר־שטעלונג „מאגנאליא סטריט“ אין דעם „אדעלפי“ טעאטער אין לאנדאן, האט ער אנגאזשירט מילי טשיזשיק און אויך דארט, אויף דער ענגלישער בינע, האט זי זיך אויסגעצייכנט און געהאט דערפאלג.

זי האט געשפילט יידיש טעאטער אזוי לאנג ווי דאס געזונט האט איר דערלויבט. נאך עטליכע אכציק יאר האט זי ליידער געמוזט רעזיגנירן פון דעם טעאטער און דאס איז געווען א גרויסער פארלוסט פאר די איבערגע־בליבענע יידישע אקטיארן, וועלכע וועלן פונקט ווי דער טעאטער עולם קיינ־מאל נישט פארגעסן די פיינע יידישע קינסטלערין, מילי טשיזשיק. כבוד איר אנדענק.

## הארי אריעל

מלך ראוויטש

## נישטא קיין שטארבן

נישטא קיין שטארבן אויף דער וועלט,



נישטא קיין פריער און קיין שפעטער,
נישטא קיין אויפגאנג און קיין אונטערגאנג,
אלץ איז נאר: קרייזן — רינגען — רעדער.

נישטא געבוירן, נישטא קיין טויט,
קיין אפשטעלן און קיין איבעררייסן,
קיין ליניע האט קיין אנהייב נישט, קיין סוף,
אלץ איז נאר: רינגען — רעדער — קרייזן.

קענסט פון מיליאנען רגעס, זאכן, קלאר
דעם פראסטן שכל אייביק דרינגען:
אייב נישט קיין טויט און קיין געבורט — איז לעבן אלץ,
און אלץ נאר: רעדער, קרייזן, רינגען.

אלץ איז נאר: רינגען — רעדער — קרייזן.
און שוין גאר און בעסטע פאלן
זענען די אראפגאנג און ארויפגאנג אויך
קרייזן — אבער קרייזן אין ספּיראלן . . .

נישטא קיין אלף׳ן און תיו׳ן, אנהייבן און סופן,
נישטא קיין ליניעס מיט צוויי פונקטן.
אין און אייביק, ענדלאז קרייזן, קרייזן
איז דער אוניווערז פארזונקען.

מ. מארגנשטערן

## יידן, משיח קומט!

— א חלום —

עס איז געווען אלול־צייט, האב איך גענומען מיין טלית און תפילין צו גיין דאווענען מיט א מנין. עפעס א קלייניקייט? די ימים־נוראים קומען אן, און, ווען אפילו די פיש אין וואסער ציטערן! — און אפשר, אפשר . . .

אויפן וועג צום בית־המדרש האב איך מיך אוועקגעזעצט אויף א באנק אין פארק צו זאגן אפאר קאפיטלעך תהלים. דער יום־הדין רוקט זיך אן און תפילה, תשובה העלפט אסך, ווי זאגט מען עס, בימינו בימינו.

פלוצלינג איז עס געשען וואס איך האב נישט געקענט פארשטיין.

די באנק האט זיך אויפגעהויבן און אנגעהויבן צו פליען ווי אן עראָ־פלאן. די ביימער אין פארק, וואו איך בין געזעסן, זענען פארשוואונדן. איך בין דורכגעפלויגן שטעט און דערפער, פעלדער און וועלדער, וואסערן,

ימים בערג און טאלן, בערג, וואס זייערע שפיצן זענען געווען באדעקט מיט שניי.

איך האב פארמאכט די אויגן, ווייל איך האב מורא געהאט צו קוקן ווייטער. איך האב געשפירט פונקט ווי מען איז אין אן עראפלאן, אז די באנק גליטשט זיך אראפ און איז געבליבן שטיין אויף איין ארט.

איך גיב א קוק, איך זיץ לעבן א מאנומענט. לעבן מיר שטייט א גרויסער וואלף־הונט. זאג איך אים: גיי אוועק, דו הונט מיט אויערן! קוקט ער מיך אן מיט זיינע הינטישע אויגן און זאגט: איך בין נישט קיין הונט! נו, ביסטו א כלב. איך בין, זאגט ער, טיטוס, צעזאר טיטוס!

קוק איך אים אן און פרעג אים: ווי קומט עס אז א כלב, וואס איז טיטוס, זאל רעדן מאמע־לשון? נו, ווי דען זאל איך רעדן מיט צדקיהו המלך אויב נישט אויף יידיש? גיב א קוק, דא איז ער אויפן מאנומענט. שטעל איך מיך אויף דער באנק, כדי צו זעען בעסער. דער מלך האט פארווייניטע אויגן, מאכט עפעס מיט די ליפן ווי מען רעדט, אבער איך קען נישט הערן וואס ער זאגט.

פרעג איך טיטוסן: זאג מיר, ביי מיר איז עס א רעטעניש. אירביידע דארפן שוין זיין כמעט צוויי טויזנט יאר אויפן עולם־האמת, ווי קומט איר דא אהער?

א, זאגט ער, איך וועל עס דיר דערציילן פון בראשית אן. ווען דער מלאך פון יהודה איז געקומען באגלייטן צדקיהו המלך צו פליען צום גן־עדן, און ווען זיי זענען געקומען צום טויער פון הימל, זענען די זיידעס — דויד און שלמה — געקומען אים אנטקעגן. דער זיידע שלמה האט געהאלטן א גאלדענע קרוין באזעצט מיט טייערע בריליאנטן און דער זיידע דויד — א רויטן מאנטל געוועבט פון בעסטן סאמעט, און געזאגט: מיין קינד, מיר האבן פאר דיר א פאטעל צווישן אונז ביידן. און דער מלאך פון יהודה האט געזאגט: האסט שוין גענוג געליטן; בלויז צו זעען ווי נבוכדנצר האט געשחטן דיינע קינדער און דיין פרוי איז ערגער ווי גיהנום, ווי שבעה מדורי גיהנום.

און א מלאך איז געקומען, א שליח פון כסא־הכבוד, מיט זיינע צוויי אויגן. זאגט ער: ניין, איך גיי נישט! איך וויל נישט קיין נייע אויגן, איך ווילווארטן אויפן גואל.

מיין קינד, האט דויד המלך געזאגט, א מלך פון יהודה קען נישט און טאר נישט זיין אויפן עולם־התוהו.

ניין, איך וועל ווארטן און שלאפן אין דעם מאנומענט, וואס זיי האבן געמאכט פאר זייער נצחון איבער מיר. דארטן וועל איך ווארטן אויפן גואל־הצדק.

און ווי קומסטו דא אהער? א, דאס איז אן אנדער מעשה. ווען די זונה, אין וועלכער איך בין געווען פארליבט — צו זאגן דעם אמת, איך האב זי אפילו היינט אויך נאך ליב — האט אנגערעדט צוויי פון מיינע אפיצירן,



האבן זיי מיט שווערדן געענדיקט מיין לעבן אינמיטן דער נאכט. אשמדאי אליין איז געקומען באגלייטן מיין נשמה און מיך פירן.

דער וועג איז געווען א שווערער. וואס העכער מיר זענען געפלויגן אלץ ענגער איז געווארן דער וועג. רוחות רעות, שדים און מזיקים, די קליינע מענטשעלעך, קאליקעס האבן אונז אנגעזאגט, אז אין גיהנום איז א שטרייק . . . די שמייסערס, די וואס צעברעכן די ביינער, די אונטערהייצערס פון פייער ווילן נישט ארבעטן. עס איז א רעש אין אלע הימלען, א גערודער אין אלע עולמות. וואס איז. האט אשמדאי געפרעגט. זיי ווילן נישט האבן טיטוס הרשע. דאס גיהנום איז צו גוט פאר אים!

ווען מיר זענען געקומען צום טויער פון הימל, זענען געשטאנען צוויי מלאכים מיט שווערדן אין די הענט און געשריגן: גיי צוריק!

פון גערודער און טומל און געשרייען איז ארויסגעקומען לילית. מיין טייערע, מיין ליבלינג, וואס טוסטו דא? נאך דרייסיק יאר האסטו געדארפט דארטן זיין.

אוי, אוי, זאג איך איר, איך האב פארגעסן וואס דו האסט מיר אנגעזאגט — נישט צו פארליבן מיך אין א יידישקע. אבער זי איז געווען אזא שיינע, מיט שווארצע גרויסע אויגן, וואס האבן געשיינט ווי שטערן אין הימל, מיט א שמייכל זיס ווי האניק . . .

נו, זאגט אשמדאי, וואס ווילן זיי פון אים? ער איז א צדיק: וואס איז ער שולדיק, אז דער בורא־העולם האט אים געמאכט פאר דעם קאנטשיק פון יהודה?

ווייסט איר וואס, זאל ער ווערן דער שומר פון צדקיהו!

אזוי זענען מיר ביידע שוין דא א לאנגע צייט. מיר שלאפן און וועקן זיך אויף.

איז געקומען אן עת־צרה: היטלער, ימח־שמו, אן איניקל פון עמלק, האט געבויט קרעמאטאריעס און דאס יאמערלעכע געשריי פון דארטן האט אויפגעוועקט די מאמע רחל. איז זי ארומגעגאנגען אין אלע גאז־קאמערן און געטרייסט די אנגעשראקענע, די קליינע קינדער, און געזאגט מיט זיי שמע ישראל און געלערנט די קליינע קינדערלעך צו שרייען: הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל.

די מאמע רחל האט אויסגעשריגן: למה רגשו גוים! רבונו־של־עולם, ווי לאנג וועלן נאך מיינע קינדער ליידן?

און דער היכער, שטארקער יונגערמאן האט זיך ווידער באוויזן מיט זיינע פארבלוטיקטע אויגן און קייטן אויף די הענט און געשריגן: תמות נפשי עם פלישתים! און טויזנטער פלאטערלעך, מיט גאלדענע פליעלעך, זענען געפלויגן צום טויער פון הימל, דאס זענען די נשמהלעך פון די קינדער וואס זענען געשחטן געווארן אין יענע פינסטערע צייטן, ווי אויך די נשמהלעך, וואס וועלן נישט געקענט געבוירן ווערן; און זענען אנטלאפן פון זייער אפטיילונג אין הימל, שרייענדיק: גיט אונז גופים און כלי־זיין, נקמה,

נקמה!

איז ארויס א בת־קול פון הימל: כי תעבור במים אני בנהרות לא ישטפוך, כי תלך באש לא תכוה ולא תעבר בך.

האט צדקיהו געזאגט: איך פארשטיי דאס נישט. זאג איך אים: אדוני מלך, זייט נישט קיין קוני־לעמל! דאס פלייש קען מען טאקע פארברענען און מאכן זייף פון דעם; די ביינער קען מען צעמאלן פאר קונסט־מיסט, אבער די נשמה לעבט אייביק . . .

מיט אפאר וואכן צוריק, זאגט מיר טיטוס, איז געווען א גרויסער יום־טוב אין הימל. ווען די נייעס איז אנגעקומען וועגן ענטעבע, האט מען אויסגעלאשן אלע פייערן פון גיהנום; אלע רשעים, וועלכע ליידן דארטן, זענען ארויסגעגאנגען פריי אויף די גערטנער פון הימל און מען גיט זיי ווין צו טרינקען וויפל זיי ווילן.

לעבן טויער פון גיהנום ווארטן טויזנטער קרבנות מיט בייטשן אין די הענט. זיי ווארטן אויפן גראבן און שווארצן, וואס גייט ארום מיט א בייטש אין די הענט—אמין—.

און פלוצלינג גיט דער הונט א געשריי: שנעל, שנעל, גיב א קוק. די שערי־השמים האבן זיך געעפנט און א העלע, גרויסע ליכטיקייט שיינט ווי טויזנטער זונען וואלטן געשיינט.

א, מען לאזט אראפ א לייטער. זע, אברהם אבינו און שרה, אלע אבות גייען אראפ.

א מעכטיקע, שטארקע און הויכע שטימע האט אויסגעשריגן: תקיעה — ראשון של משיח! יידן, יידן, משיח קומט.

עלא זילבערג

## — צו אייזיק גאלדבערג׳ס געבורטסטאג —

(געווידמעט פאר די ליבע פריינט, אייזיק און פרוי צביה)

צוזאמען אין פריידן,
צוזאמען אין נויט,
מיט ליבע געטיילט זיך
דאס שטיקעלע ברויט.

ווער קאן אפשאצן,
אזא ליבע געטריי,
בעסער פון אוצרות,
איז די ליבע פון צוויי.

דורך פייער און וואסער



דורך יאוש און גליק,
צוזאמען פארפלאכטן,
מיט גאלדענע שטריק.

וואס קאן מען מער ווונטשן,
אזא גליקלעך פאר,
אז די ליבע זאל וואקסן,
מיט יעטוועדער יאר!

אייזיק גאלדבערג

## — מיין ווייבל —

(סאטיריש)

(געווידמעט מיין ליבע פרוי צביה — צו זינגען מיט דער מעלאדיע — איך האב געליבט א מיידעלע)

איך האב געליבט א מיידעלע,
א מיידעלע א שיינס,
געווארן איז זי, מייך ווייבעלע,
א ווייבעלע א פיינס.

ווייל און פיין און „חן“עווודיק
איז זי נאך אצינד,
נאר איין פעלער האט זי,
וואס זי האלט מיך, ווי א קינד . . .

נאר זי לויפט, און יאגט זיך,
זי האט קיינמאל, נישט קיין צייט
זעלטן, אז זי קאן איינשטיין
ארום מיר, ביי מיין זייט.

דאך, א ווייבל איז זי ווי געזאגט,
פאר מיר, באשאפן גאר
צוזאמען ביידע, זיינען מיר
א ווויל און גליקלעך פאר!

אירע דאגות, זענען גרויס,
ביטאג און אויך ביינאכט,

אין הויז, אין יעדן ווינקעלע
זאל בלומען זיין אסך.

א בעל־הבית׳טע איז זי, ,
מיט אלע מעלות גאר,
קאכן, באקן, קאן זי,
אויף מיר שוין אזא יאר!

וויסן וויל זי וואס ס׳זיך טוט,
אויף דער גאנצער וועלט,
דאך, איר מאן און הויזגעזונט
איז איר. טייערער נאך ווי געלט.

אזוי לעבן מיר, א לעבן לאנג,
און זיך געעלטערט, ביידע
מיט נחת, ווי עס ווונטשן זיך,
א באבע, מיט א זיידע!. . .

י. מ. לעווין

## פון ביכער-טיש

יעקב י. מייטליס „אין גאנג פון דורות" — עסייען וועגן תנ"ך, פאלקלאר און ליטעראטור. פארלאג ישראל בוך, 1975.

די עסייען שטעלן מיט זיך פאר א קווערשניט איבערן גאנג פון יידישן פאלק, פון די פרי־היסטארישע צייטן ביזן היינטיקן טאג.

אין יעדן עסיי, צי וועגן מארד פון קין איבער הבלען, צי דער איופשטייג פון דעם יונגן ערד־ארבעטער גדעון צו א נאציאנאלן העלד, זי די פארבאטענע ליידנשאפט פון אמנון צו זיין שוועסטער תמר — ווערן פון דער דראמאטישן שטאף די ציגל, פון וועלכע ער בויט די פארטיפטע שטודיומס פון די איינגעמלעכע געשעענישן פון יענע ווייטע צייטן. די געשעענישן זענען אין זייערע הויפט־הנחות, אין זייער מוסר השכל, טיילווייז אויך אין סיזשעט, פארשוועסטערט מיט געשעענישן אינעם היינט. קינס רציחה, ווייט אין פרע־היסטארישער דיסטאנץ, בלייבט ווי א סימבאל פאר אלע באגאנגענע „אומלעגאלע" צי „לעגאלע" מארדן, זינט יענעם ערשטן טונקעלן מאמענט אין דער פסיכיק פון קדמונישן מענטש.

דאס בוך באהאנדלט א סך עצמדיקע עטיש מאראלישע פראבלעמען. א טייל געשעענישן, לעגענדע צי וואר זענען אויס ארכאיש. זייער קאנטעקסט



הארמאניזירט נישט מיט דעם אלגעמיין מענטשלעכן, ספעציעל יידישן באגריף וועגן זיטלעכקייט. די האנדלונג פון תמר, יהודהס שנור, און אפילו פון רות, די העלדין פון דער שיינער אידילישער דערציילונג, זענען אין סתירה צום יידישן געדאנק, אפילו פון דעם ייד פון פארצייטנס. די קאסמעטיק פון געשיכטלעכן אפקלייב האט ווארשיינלעך קארעגירט די רויעווירקלעכקייט, און צו אונז זענען זיי דערגאנגען פארווייכטע, איידעלע פאסטעלן־עמעלן.

איינער פון די עסייען איז געווידמעט גדעונען פון שבט מנשה פון פאר דריי טויזנט יאר צוריק. די היינטיקע גדעונס, די קיבוצניקעס פון גליל, באזיצן א סך בשותפותדיקס מיטן אמאליקן.ביידע בינדט דאס געפיל פון צוגעבונדנקייט צום פאלק און אויך פחדלאזע העלדישקייט.

מיט א ציטאט פון רמטכ"ל יצחק ראבין (נאך דער מלחמה פון די זעקס טעג) — „די ווערטיקייט פון אונזערע קעמפער באשטייט נישט אין זכות פון אייזן, נאר אין זכות פון אן איבערצייגונג, פון א העכערער שליחות צו פארזיכערן דעם קיום פון פאלק" — פארבינדט י. מייטליס די גדעונס פון אלע תקופות אין אונזער געשיכטע. דער קווערשניט איבערן גאנג פון פאלק איז נישט באגרענעצט צו אפגעשלאסענע עפיזאדן און תקופות. גיכער איז עס א פרווו ארייגצובליקן אין דער פאלקס־נשמה, אין אלע אירע אויסשטראלונגען במשך דעם לאנגן וואנדער־וועג פון ייד.

איוב מאטיוון אין שלום־עליכמס פאלקישן טיפ טביה; עקדה און גאולה מאטיוון ביי לייוויקן, זענען ווי אן עכא פון דער אמאל. י. מייטליס האט אין די קאפיטלען „מיכה" און „אליהו" פראכטפיל ארויסגעברענגט די אויפפאסונג פון גאט און געטלעכקייט אין דער פסיכיק פון דעם פרימיטיוו.

אינעם זוכן די אידיי פון אבסאליטן צדק אייסגעגליט מיטן בליציקן ווארט פון די נביאים, געפינט מען לייכט דעם פאראלעל מיט דער היינטצייטיקייט. בלאנדזשעט דאך ארום, אין א לאבירינט אן אן אויסוועג, דער היינטיקער מענטש אין זיינע זוכענישן פארן סובלימען אויסדרוק פון סאציאלער און נאציאנאלער רעכט.

י. מייטליס דערגייט אויך צום מקור פון אוראלטן פאלקלאר ביי פארגלייכן מיטן פאלקלאר פון אנדערע אלטערטימלעכע קולטורן. דערנאך מאכט ער א קפיצת הדרך־שפרינג ביז אנסקין, ווען ער ווידמעט א גרעסערע אפהאנדלונג. זיינע אנאליזן זענען פארטיפט און באהויכט מיט דראנג צו געפינען די עטיש־מאראלישע אימפעראטיוון, וואס האבן דערהויבן דעם יידישן גייסט אין אלע צייטן פון זיין דויערהאפטיקן זיין.

## א סעמינאר פאר יידיש-פארשונג

(דייטשלאנד)

סוף יולי ה. י. האט דער אוניווערסיטעט אין טריער ארגאניזירט א ביז גאר גערעטענעם סעמינאר פאר יידיש־פארשונג, אין וואס עס האבן אנטייל גענומען א ריי פראמינענטע פארשערס און געלערנטע

סיי פון דייטשלאנד און סיי פון איסלאנד. צום שבח פונעם אוניווערסיטעט און טריער זאל געזאגט ווערן, אז ער פארמאגט א ספעציעלע אפטיילונג פאר פארשונג פון אלט־יידיש און זיין ליטעראטור, וואס בראש פון איר שטייט דער גערמאניסט און יידיש־ליבהאבער, פראפעסאר וואלטער רעלל, און ער פירט אן אן אינטענסיווע און סיסטעמאטישע פארש־ארבעט אויף דעם געביט פון יידיש־לשון און דער אלט־יידישער ליטעראטור.

פארבעטן צו דעם דאזיקן וויסנשאפטלעכן צוזאמענקום זענען געווען א ריי יידישע מלומדים פון ענגלאנד, האלאנד, שווייץ און מדינת ישראל. דער פארשער דר. לייב פוקס פון אמסטערדאם האט גערעדט וועגן דער השפעה פון דער האלענדישער קולטור אויף דער יידישער ליטעראטור אינעם 17־טן און 18־טן יאר. דר. פלארענץ גוגענהיים פון ציריך האט אין איר אינטערע־סאנטן רעפעראט אויפגעשטעלט די פראגע „האבן די ציריכער יידן גערעדט און געשריבן יידיש ביים סוף פון 14־טן יאר?“ דער ליטעראטור־היסטאריקער דר. יעקב י. מייטליס פון לאנדאן האט אין זיין ארומנעמיקן רעפעראט זיך אפגעשטעלט דער עיקר אויף לשון יידיש פון 16־טן יארה מיט זיין כאראק־טעריסטישע באזונדערקייטן און אייגנקייטן, שפראך־ און מדרש־עלעמענטן, וואס זייער שעפערישקייט און נוסחדיקייט לעבן נאך ביזן היינטיקן טאג אין אונזער ליטעראריש־צעבליטן יידיש אין אלע ווינקלען פון זיין יצירה.

סיי די רעפעראטן פון די יידישע און דייטשישע געלערנטע און סיי די דיסקוסיעס זענען געשטאנען אויף א געהעריקן וויסנשאפטלעכן ניווא און געוויזן א וועג אויף וואס די יידיש־וויסנשאפט אין דייטשלאנד זאל גיין, כדי צו שאפן א סינטעזע צווישן אן עקזאקטער לינגוויסטיק און דער לעבעדיקער קולטור פון יידישן פאלק אויפן פלאך פון אן אינטענסיווער יידיש־פארשונג.

## א שטעקעלע אריין, א שטעקעלע ארויס

— עלעהיי מען באזינגט א יתומה אן א מאמען,
א פארוויינטע הינטערן דעקטוך מיט פריילעכע גראמען —

* * *

ס'איז געווען א יום־טוב אין ירושלים,
אז ס'וועמען נישט געטראפן: היה ראזענפארב
פון קוימען ארויס א שעפעריש־צעשפילטע;
ווייסנבערגס טאכטער טאטן—מטן א דערפילטע.

אשעראוויטשן, ווי צעשטראלט איצט ער זעט אויס,
שענהייז — אויף ביידע לשונות ווי באריידעוודיק!
כ'קוק, כ'הער און בין אזוי חול־המועד פריילעך,
מאמע־יידיש ממש איבערן גאנצן ערד־קוילעך.



ערשט די אמעריקאנטשיקער, מיט זייערע
וויכטיקע פראפעסארן און טיכטיקע יוגנט =
פארלעך. זיך אריינכאפנדיק אין ראד באגרענדע —
יעדעס פנים־חדשות ממש א לעגענדע.

און די פאריזער! נאר דערמאנען שלעווינען,
צי מעג מען דען אלע — קיין עין־הרע!
מיט יעדן כאטשע צו כאפן א מצוה־טענצל,
און אז איך, לאנדאנער, בין איך נאך אין דעם קרענצל.

זאלן זיי מיר מוחל זיין די תל־אביבער,
וואס נישט אריבערגעכאפט מיך — כאטש א וויזיט:
יעדער שריט אין ירושלים א געציילטער,
מיין שטערן לבנה־צעשטראלטס — א שטראם־גראם צעביילטער.

אז שווייצערס אדורכלויפן געווען, א וואנדער,
איז דאך מיין מאמע א געוועזענע שווייצער,
גערעדט אבער ר'האט צו מיר ממש ווי א טאטע —
חבר, אזוי תמיד געווען, און אויך לעת־עתה . .

דעם נאמען שטריגלער, חלילה, נישט דערמאנען?
ארויסלאזן אים דעם „אוד הניצול מן־האש?!“
פון קוימען ארויס און ברענט מיט שטילינקן פייער,
שערף־שארף פארשניטן און שטייט שומר ביים שייער.

א, די הייליקע וואך אין דער עיר־הקודש,
סגאנצע געלט פון דער וועלט איז זי ווערט געווען,
— ערשט פאר יענע, וואס פלאטערן ארום דער שיסל —
און נישט געקאסט צומאל א פליגל פון א „מיסל“.

וואס־זשע פון דעם גאנצן עסק עס וועט ווערן?
כאטש ניי זיך אויס פון פימסן־האלץ א בייטל!
עס וועט פליען פון איין „פאלאטע“ אין א צווייטער,
און מען וועט שאלן בחצוצרות מיט א טראמפייטער.

עס וועט זיך נאך טוען אויף טיש און בענק־ביכלעך,
היינט האלטן מיר ערשט ביי די ימים־נוראים,
אויסלאזן ס'וועט זיך שמאלץ מיט גריווינעס אויף פסח — —
און אפשר איין גאט אין הימל ווייסט! וואס ווייס איך!

## דזשיגאנען

ווּיפיל העברעאישע ווערטער יידישלעך מגייר געווען,
ווי מיטן וווּנדערלעכן תהילימל וואָרט ווייטסטע וועלט געוווּנען;
זיין געשריי אינם קארידאר געהערט ביי א זיצונג דרינען,
אזוי מסתם דעמלט דער קעניג דוד אראפ פון זינען.

אזוי רייסט מען מאמעדיק אן אפן ארון קודש איין,
איפן בראך־שטול מען ליגט א בן־זקנימל צו געווינען — —
פאר פרוכת פון יידישער בינע וויפיל טרערן גערינען!
חי געלעבט! נאר פליגן, נישט האניק־בינען קאן מען פארשפינען.

א קוק טון אונטער קוליסן, אזא חשכות ס'נעמט ארום!
אבער ווו מישטיינסגעזאגט קאן דאס בן־אדמל ענטרינען?
אז ס'איז יעדע מינדסטע רגע פרישער בלוטיקער באגינען,
דאס ביסעלע קאיען הבל־הבלימדיק צו געווינען.

זעלבער שאנד אומעטום! אנדערש נאר געשמינקט נאכט אויס נאכט איין
נייע איפלאגעס טאג־טעגלעך — נאר א טראפ אנדערש דערשינען!
ס'מבול מיט בלוט און מיט ווערטער — מאשין־געווער, דרוק־מאשינען—
איף הארץ־רויט ס'לעבן איינגעשטעלט און א ממזר גאר געווינען.

## פאר תל־אביבער חברים

צו זיין אין ארץ־ישראל,
און אין תל־אביב נישט צו זיין,
ס'איז ווי צו קומען קיין פאריז
און פלאץ קאקארד נישט אדורכגיין.

איב ירושלים דאס הארץ,
איז תל־אביב אונזער געביין —
יעדעס הויז ציגל איף ציגן,
מיט אייגענע הענט געלייגט אליין.

ירושלים — ווילנע דש־
טעטל — תל־אביב ווארשע אליין!
איך אבער האב תיכף ומיד,
אין ווייטשעפל דארט געמוזט זיין.

אהד־מפליען פייל פון בויגן,



„לשון און לעבן" אין דרוק זאל גיין.
מעגלעך פאר אייך ס'איז ווייס איך וואס,
פאר מיר אבער — דאס לעבן אליין.

דאס וווּנדער פון 20'סטן יאר־הונדערט,
וועט מן־הסתם די שטאט תל־אביב זיין,
וואס יידן, ידים ידי יעקב,
מיט אייגענע הענט איפגעבויט אליין.

דעם גרונד געגראבן, די דעכער געדעקט,
בלאק־הייזער ביזגל אין הימל אריין,
און גרעסער און שענער זי ווערט אלץ נאך!
אן אייביקייט אזוי ז'וועט בלייבן שטיין —

אמן!

## דעקלאראציע פון דער וועלט־קאנפערענץ פאר יידיש און יידישע קולטור אין ירושלים

פון ירושלים, די אייביקע יידישע שטאט, קומט דער רוף צו די יידן איבער גאר דער וועלט וועגן שטארקן און קרעפטיקן די יידישע שפראך און קולטור. דאס איז דער רוף פון דער וועלט־קאנפערענץ פאר יידיש און יידישער קולטור, וואס איז אין די טעג פון כ"ז־ל' באב תשל"ו (פון דעם 23־טן ביזן 26־טן אויגוסט 1976), אין 31־טן יאר פונעם חורבן פון דעם אייראפעאישן יידנטום, איז אפגעהאלטן געווארן אין די מויערן פון ירושלים מיטן אנטייל פון ישראלדיקע מלוכה־פערזענלעכקייטן, שרייבער, קינסטלער און קולטור־טוער אין דער יידישער מדינה און אין די תפוצות — אוסטראליע, ארגענטינע, בעלגיע, בראזיל, דרום־אפריקע ווענעזועלא מעקסיקע פאר־איניקטע שטאטן, פראנקרייך, ענגלאנד, רומעניע און שוועדן.

ביים אפשלוס פון די פארהאנדלונגען איז אנגענומען געווארן פאלגנדיקע דעקלאראציע:

1) די וועלט־קאנפערענץ האט געבראכט צום אויסדרוק די ליבשאפט און צוגעבונדנקייט פון יידן אין דער גארער וועלט צו דער יידישער שפראך און יידישער קולטור, וואס זיינען געווען און זיינען ווייטער די דאמבע קעגן אסימילאציע און אפפרעמדונג, ווי אויך אן אקטיוו־שעפערישער כוח צו שטארקן דאס נאציאנאלע באוווסטזיין און טריישאפט צום פאלק.

2) די וועלט־קאנפערענץ דעקלארירט, אז די קולטור־אוצרות, וואס יידיש האט אנגעזאמלט אין איר פיל־הונדערט־יאריקער געשיכטע, האבן געקאנט אויספירן זייער היסטארישע שליחות נאר דערפאר ווייל יידיש איז א נאציא־

נאלע שפראך, וואס האט אריינגענומען און נעמט אריין אין זיך אלע זאפטן פון דער יידישער קולטור בכלל. די קאנפערענץ האלט דעריבער, אז עס דארפן געמאכט ווערן אלע אנשטרענגונגען כדי דער יידישער שפראך און קולטור צו דערמעגלעכן א שעפערישן המשך.

3) מדינת ישראל, וואס האט זיך געשטעלט פאר א ציל צו פארזיכערן נישט נאר דעם המשך פונעם יידישן פאלק, נאר אויך אויפצוהיטן אלע גייסטיקע ווערטן, וואס יידן האבן אנגעזאמלט במשך פון דורות אומעטום, וואו זיי האבן געלעבט, דארף העלפן דער שווער־געליטענער יידישער שפראך צו רעסטאווירן אירע כוחות. עס ליגט דעריבער דער חוב אויף אלע יידישע קהילות און קולטור־טוער אין דער וועלט צו ווידמען מי און געפינען מיטלען, אז יידיש צוזאמען מיט העברעאיש זאל ווייטער זיין דער אויסדרוק פון אונזערע נאציאנאלע קולטור־ווערטן.

4) די קאנפערענץ דעקלארירט, אז יידיש איז נישט בלויז א רעזערוואט פון גרויסע גייסטיקע אוצרות, וואס זיינען געשאפן געווארן אין דער פארגאנגענהייט, נאר איז א שעפערישע שפראך, אנגעלאדן מיט נאציאנאלע פאטענצן און פארמאגט א ליטעראטור מיט גרויסע קינסטלערישע און עטישע ווערטן, וואס קאנען שטארקן דעם יידישן באוווסטזיין פון דעם יונגן דור אין ישראל און אין די תפוצות, צוזאמען מיט העברעאיש דארף יידיש אויפגעהאלטן ווערן אין מויל פון דעם יונגן דור.

5) די קאנפערענץ שטעלט פעסט, אז די שווערע לאגע פון יידיש היינט צו טאג איז אין דער ערשטער ריי א רעזולטאט פון דעם גענאסיד מצד נאצי־דייטשלאנד און דעם פיזישן און גייסטיקן פאגראם אויף יידיש און דער יידישער קולטור אין סאוועטן־פארבאנד.

6) דער שווערער צושטאנד פון יידיש איז אויך א רעזולטאט פון דעם אסימילאציע־שטראם, וואס רייסט לעבעדיקע שטיקער פון אונזער פאלק. מען טאר דעריבער אויך נישט פארגעסן דעם שרעקלעכן שאדן כלפי יידיש און דעם חינוך אין יידיש בכלל מצד די, וואס האבן נישט געזען די סכנה פון אסימילאציע און אייסווארצלונג ביי יידן נאך דעם חורבן. מיר דריקן אויס אונזער פרייד, וואס ביים יונגן דור אין צפון־אמעריקע, מערב־אייראפע און פון ישראל האט זיך דערוועקט דער אינטערעסט פאר דעם יידישן לשון און די קולטור־אוצרות אין יידיש.

7) די וועלט־קאנפערענץ אפעלירט צו דער רעגירונג פון מדינת ישראל, צו דער סוכנות, ציוניסטישער ארגאניזאציע, צום יידישן וועלט־קאנגרעס, צו די יידישע סאציאלע פאנדן און פארשידענע לענדער און בכלל צו אלע אינסטיטוציעס וואס זארגן פאר א ווייטערדיק נאציאנאל־יידיש לעבן, אז זיי זאלן העלפן שטארקן דאס יידישע לשון ביים אויספירן די שעפערישע ראל פארן יידישן פאלק. כדי דאס צו דערגרייכן דארף יידיש איינגעשלאסן ווערן אין די פראגראמען פון יידישער דערציאונג אין די תפוצות און אין ישראל.

8) די קאנפערענץ דארף ווערן א היסטארישער מיילשטיין אויפן וועג



צו פולער הארמאניע צווישן העברעאיש און יידיש. אין דער איצטיקער שווערער צייט, ווען איפן יונגן דור לויערט די סכנה פון אסימילאציע, דערווייטערונג און א..עפרעמדקייט, דארפן מיר שטרעבן צו שלום און צוזאמעארבעט פאר דעם קיום און המשך פונעם יידישן פאלק און במילא מדינת ישראל.

ראדזשער הארים

## שאכער־מאכער

נו, וואס זעסטו אין שטעטל, מיין ליבער?

גוזעען אונזער וועש און ליילעך
פליען היינט מיט טויבן־פליגל,
דורך דינגעניש פון ווייבער, גריילעך,
צו שלאפן אונטער חרפות־ריגל.

וואס נאך זעסטו אין שטעטל, מיין ליבער?

א קנאה ביי שכנים אין אויגן,״
אזש אנטרינען מיר זיך געוואלט,
ביכער פארשאכערט און דרוק־בויגן
צו איינעם, טאקע עפעס א יאלד.

וואס נאך זעסטו אין שטעטל, מיין ליבער?

געזען איינעמס געשייערטע הענט
ווי געשמייכלט ר׳האלט פון שלאכטהויז,
און געהערט חזיר עכא פון ווענט
ביז שטיל געווארן ווי די מויז.

וואס נאך זעסטו אין שטעטל, מיין ליבער?

אלץ וואס איז אונזערס קאן איך זאגן,
האט מען אין שאכער גענומען,
איך — אין די יארן — אלט א זקן,
טראג ארום בלויז ווילד בלומען.

א. נ. שטענצל

## גאט אין זיין דערבארמונג

צי מוז איך ערשט קומען
פאר בית־דין־של־מעלה
פארמשפט צו זיין?
יא, פאר מיינע אויגן
ס׳וועט דער פסק הארבער זיין.

ווען צו משפטן מיך
פאר אל־מיינע מעשים,
דער שופט — איך אליין,
אלע מדורי־גיהנום
נישט גענוג וועלן זיין.

דאס בידנע מענטשעלע,
וואס טוט עס דען נישט אלץ,
ס׳לעבן אדורכצוגיין?
גאט איז זיין דערבארמונג
טוט מרחם זיין.






## לאנדאנער קולטור ידיעות

צו די שלושים פ.נם בארימטן פאעט מלך ראוויטש וואס איז געשטארבן אין קאנאדע איז געווען געווידמעט א שבת ביי יידיש־ליטעראריש־נאכמיטאגס.

• • •

דער איידים פון דיכטער יוסף הלל לעווי ווילי טרעגנער איז פלוצלונג געשטארבן פון א הארץ־שלאג אין דער ראש־השנה ואך אונזער טיפן מיטלייד צו דער אלמנה און די קינדער און די שוויגער מרים לעווי.

• • •

ביים אפגעבן דעם באריכט פון דער יידיש־קאנפערענץ אין ירושלים האבן זיך באטייליקט ליסקי, ארזשיצער א.א.

• • •

אינם שבת פאר ראש־השנה האבן גע־ליינט ביי די ליטעראַרישע נאכמיטאגס דער־ציילונגען פון פרצן שלום־עליכם פרישמאן, שלום אש און פון לאנדאנער שרייבער קיי־זער, קייטי בראון — אייזיק גאלדבערג, נעט רובין, דזשיקאווסקי. געזינגען יום־טוב־ל דער און חזנות: סעם גאלדבערג, רות באכנער און מאיר באגדאנסקי.

• • •

ביי די ליטערארישע שבת־נאכמיטאגט האט דער פארזיצער באגריסט דאס 15טע יאר דערשיינען פון „סאוויעטיש־היימלאנד״.
דער גוט באקאנטער אקטיאר יידל גאלד־בערג האט דורכגעמאכט אן אפעראציע.
דער גוט באקאנטער אקטיאר און אנ־פירער פון דער לאנדאנער יידישער טעא־טער גרופע האט אדורכגעמאכט אן אפע־ראציע.

• • •

די בילדער אויסשטעלונג פון ראיא קרוק פון ישראל, אן עולה פון סאוויעט רוסלאנד אין בן אורי האל מאכט א זייער גוט איינדרוק.

• • •

ביי שליסן דעם נומער קומט אן די טרויע־ריקע ידיעה: רחל דאניאך, די העברעאיש־יידישע שרייבערין, ביבליאטעקערין פון יידיש „רידינג־רום״ איז געשטארבן.


ווילנע (האלץ־שניט) ראיא קרוק

די יידיש-ליטעראַרישע נאָכמיטאָגס יעדן שבת צווישן 3-5 אין באָומאָנט-האָל, באָומאָנט גראָוו, מײַלענד, איסט-ענד.

סעם גאָלדבערג וואָרט-קאָנצערט „לאָך-ישראל-לאָך" מיט אָנטייל פון זינגער-סטאַרס קומט פאָר דעם 25סטן נאָוועמבער 7.30 אין קווינס-האָל, וועסט ענד.

---

יידישער וועלט-קאָנגרעס (יידישער קאָמיטעט) און פאַריין פון יידישע זשורנאַליסטן

---

## פ א ר ז א מ ל ו נ ג

זונטיק, דעם 7-טן נאָוועמבער, 1976, פונקט 3 אַ זייגער
אין
21 DEAN STREET, LONDON, W.1

1

י ז כ ו ר

ד"ר מאיר גערטנער ז"ל — א. נ. שטענצל
הרב ל. נ. בוים: אזכרה

2

די וועלט-קאָנפערענץ אין ירושלים פאַר יידיש

רעדנער:
באַריכטן פון די דעלעגאַטן ד"ר ל. הירשאָוויץ און מ. לעדערמאַן

פראַגן
פאָרזיצער: יוסף פרענקעל

---

אײַנטריט פרײַ — קומט אין צײַט



# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

453-55 — 38′סטער יאָרגאַנג — נאָוועמבער-יאַנואַר 1977 — לאָנדאָן

א י נ ה א ל ט

דער אייביקער ייד ביי דער כותל א.א. — °°° — 3
זאַנגוויל און יידיש ..... יוסף לעפטוויטש — 12
מענדעלע מוכר-ספרים ..... יוסף וויינשטיין — 17
אברהם רייזין ..... משה דאַמב — 21
און דאָס איז נישט קיין חלום (ליד) ..... פסח צפנת — 22
רחל מבכה על בניה (ליד) ..... הערי פאַצאַנאָווסקי — 23
דריי הונדערט יאָר (ליד) ..... דוד זיידענפעלד — 24
ווייטשעפל ווען כ׳בין געקומען און לידער ..... א. נ. שטענצל — 24
אַ שונא (דערציילונג) ..... בריאַן גלאַזגוויל — 37
קינסטלערישער רעפּערטואַר ..... סעם גאָלדבערג — 41
זכרונות ..... אסתר ערליכמאַן — 44
צעזייט און צעשפּרייט ..... נ. רובין — 45
אַ קאָנצערט לאָך ישראל לאָך ..... אייזיק גאָלדבערג — 48
למנצח על השמינית שבשמינית מזמור, א. נ. שטענצל
אַ שטעקעלע אַריין אַ שטעקעלע אַרויס ..... ש. — 49
אָן אַ ממלא מקום (צום טויט פון סעם לעוו) ..... מאיר באָגדאַנסקי — 60
ביי דער מצבה-שטעלן נאָך ח. נ. בענקוויטש ..... אייזיק גאָלדבערג — 62
שלום אויף דער וועלט (ליד) ..... דוד בערמאַן — 63
מוזיק מאיר באָגדאַנסקי — 64
לאָנדאָנער קולטור ידיעות

רעדאַגירט א. נ. שטענצל
פרייז 15 פענס
יידיש-ליטעראַרישע שבת-נאָכמיטאָגס 3 אַזייגער באָומאָנטס גראָוו, א.1.

*Published and edited by A. N. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*